דֶער פְּרִיזִיוו

אַ דְרַאמֶע

אִין פִינְף אַקְטֶען.

Выдать билет 11го Декабря 1884го года.

Надворный Советник И. Марголин

געדרוקט בהשתדלות

מֶענְדֶעלִי מוֹכֵר סְפָרִים.

ס"ט פעטרבורג.
בדפוס ישעי' ב"ר אלכסנדר צעדערבוים.
שנת ה'תרמ"ה לפ"ק.

ПРИЗЫВЪ

ДРАМА ВЪ ПЯТИ ДѢЙСТВІЯХЪ

С. АБРАМОВИЧА.

С.-ПЕТЕРБУРГЪ.
Типо-Литографія Ис. А. Цедербаума. Стремянная ул., д. № 4.
1884.

דֶער פְּרִיזִיוו

אַ דְרַאמֶע

אִין פִינְף אַקְטֶען.

גֶעדְרוּקְט בְּהִשְׁתַּדְלוּת

מֶענְדֶעלִי מוֹכֵר סְפָרִים.

ס"ט פעטערבורג.
בדפוס ישעי' ב"ר אלכסנדר צעדערבוים.
שנת ה' תרמ"ה לפ"ק.

ПРИЗЫВЪ

ДРАМА ВЪ ПЯТИ ДѢЙСТВІЯХЪ

С. АБРАМОВИЧА.

С.-ПЕТЕРБУРГЪ.
Типо-Литографія Ис. А. Цедербаума. Стремянная ул., д. № 4.
1884.

Y2010.68.5
~~JLM 2010.68.5~~

Harvard College Library
Gift of
LEO WIENER,
Nov. 16, 1898.

~~Jß22.3.4~~

Microfilmed

Дозволено Цензурою. С.-Петербургъ, 27-го Сентября 1884 года.

דיא פארשוינען:

שמחה מאריאשעם. א בעל־טאקסע.

שפרינצע. זיין ווייב.

רייזילי. זייער טאכטער.

זלמן קריסטאל.

זעלדע. זיין ווייב.

אלכסנדר. זייער זוהן, א בן־יחיד. רייזילים חתן.

ר׳ יוחנצע דעם רב׳ס.

חאסקיל. זיין זוהן.

חינקע. חאסקילים ווייב.

פייבוש נאמסוואונדער. א לאנד־שדכן.

מענדיל. א משרת } ביא שמחה מאריאשעם.

דוואסיע. א קעך־מויד } ביא שמחה מאריאשעם.

שמואליק. איין אלטער, אויסגעדינטער, ניקאלאיעווסקער סאלדאט.

הערשעלי. א יונגער סאלדאט.

גיסיע. הערשעלעס ווייב, שמואליקס איניקעל.

ר׳ אליה: גלאט א יוד.

איציק דער קרעמער.

ליפע דער חלפן.

דיא מוהמע אהן א נאז. א נבאיטע.

דאס קליינע כלי־זמריל.

נגידים, פיינע־יודען, בעלי־טובות, ווייסע חברה, פורים־שפילער, איין עולם מאנסבילין, ווייבער און סאלדאטען.

מיין טהייערער משה!

דיא צרות אין דער לעצטער צייט האָבען פֿארשטיינערט מיין הארץ, אזוי אז דיא צונג האָט מיר זיך נישט געלייגט צורייזען און דיא האנד צו־שרייבען א וואָרט. דאָס איז אזא שווייגען, וואָס מאַכט זיך מיט א מענשען, ווען שטארקע יסורים טרעטען צו מיט א מאָל און קאָסט איהם געזונט און לעבען א סך מעהר וויא קרעכֿצען און וויינען מיט בלוטיגע טרעהרען; וואָס אויב אזעלכֿס געדויערט אָהן עפּיס א הילף פֿון דער זייט, איז מען אין א גרויסער סכנה צו ווערען אוים מענש. דוא, טהייערער פֿריינד, האָסט גע־פֿיהלט מיין ביטער נעמיטה, האָסט פֿארשטאנען אז איך צאנק און געה אוים וויא א לעכֿט און זיך גענומען ארויסצושלאָגען מיר דיא מרה־שחורה פֿונם קאָפּ. דוא האָסט איבער מיר גערעדט און גערעדט און פֿון דיינע רייד איז מיר אראָפּ דער שטיין פֿונם הארץ. עס האָט אין מיר זיך געעפֿענט א פֿרישער קוואל הייסע געפֿיהלען און מיך עפּיס א ברען געטאָן אויסצוגיסען זייא אין ווערטער פֿרייא פֿאר דער גאנצער וועלט. דאָס איז יענער ברען, וואָס וועקט אין וועסנע אויף דאָס בעטריבטע, פֿארוואָגעלטע זומערפֿייגעלע, ערגיץ אין דער פֿרעמד, צוריק צוקעהרען זיך ווידער א היים, צו זיין נעסט און צו זיין פֿריהערדיג שטייגער לעבען... און הַגַם דאָס יודישע לעבען אונזערס איז אצינד בעדעקט ארום־און־ארום מיט שווארצע, געדיכֿטע חמארעס, שטורמווינטען בלאָזען פֿון אלע זייטען, אומעטום וויסט, עלענד, טרויעריג, א שרעק — איז מיר באלד בייא מיין אויפֿחאפּען זיך נאָך אזא לאנגען שטיל־שווייגען, אויפֿן הארצען דאָך געוועזען עפּיס גוט. עס האָט מיך עפּעס געצויגען אהין, אין יענץ ווינקעל פֿונם יודישען לעבען, וואו עס גע־פֿינען זיך מיינע אלטע בעקאנטע פּארשוינען, פֿון וועלכֿע איך פֿלעג א־מאָל דעם עולם דערצעהלען משונה ווילדע, וואונדערליכֿע מעשיות. עס האָט מיר שטארק זיך געגלוסט ווידער צו מיינע לייט; קינות, יאָמער און קלאָג אויף דער יודישער שלעכֿטער לאגע — אין דער זייט, מיר איז געלעגען מיינס אין זין. שפּילען א וויינענדינס וועל איך נישקָשֶׁה נישט פֿארזאמען שפּעטער. מיט צרות האבען יודישע קינדער, ברוך־השם, קיין דאגה נישט. צרות אלערלייא האָבען זייא געהאט מיט עטליכע טויזענט יאָהר צוריק, צרות אזעלכֿע האָבען זייא אצינד, און ווען דיא אלע צרות וועלען האָבען אין עק,

ווייסט נאָר איין גאָט אליין וואויל. אונ דערוויל איז מען דאָך פֿאָרט נישט מעהר וויא א מענש, א בשר-ודם. עס גלוסט זיך פֿאָרט א מאָל א קוק טאָן אין דער זייט, א לאך טאָן, א שפּיל טאָן אונ טאקי חאפּען הינטערווייליכס א מעגציל אויך.— מיינע אלטע פארשוינען האָב איך געטראָפֿען, ברוך השם, אלע פֿריש אונ שטארק מיט זייערע אלע אלטע קאפּריזען אונ משונה-דיגע גיינג: זייא פֿרוכֿפּערען אונ מעהרען זיך, מאכֿען זיך א-מאָל נארעש אונ רייסען זיך ביי דיא נעז איבער א שפּילכֿען אזוי וויא פֿריהער. דיא וועלט נישקשה בלייבט א וועלט... מיר האָבען איינער דעם אנדערען באלד דערקענט אונ גאָר אָנגעקוואָלען, וואָס, געלויבט איז גאָט, מען זעהט זיך געזונטערהייט. איך האָב זייא אָנגעקוקט מיט גרויס הנאה, גוט בעטראכֿט פֿון אויבען ביז אראָפּ אונ גיב אצינד ארויס א בעשרייבונג פֿון א טהייל נאָר פֿון זייא אין דעם דאָזינען בוך.

דוא, מיין ליבער משה, האָסט געעפֿענט מיין פֿארשטיינערט הארץ, דורך דיר איז דיא דאָזיגע ווערק מיינע, נולד געוואָרען אונ דיר בריינג איך איהם דעריבער במתּנה. אויב אנדערע וועלען דיר זאָגען דערפֿאר א יישר-כח, דאָס ווייס איך נישט. איך פֿון מיין זייט אָבער דאנק דיר דאָ פֿאר אונזער גאנצען עולם דערפֿאר, וואָס דוא האָסט מיך דערמינטערט, געטרייסט אונ געשטארקט מיט דיינע קלוגע אונ גוטע רייד.

דיין געטרייער פֿריינד נאָך פֿון דיא יונגע יאָהרען

דער מחבר.

אדעססא, 5 יוני, 1884.

ערשטער אקט

בייא שמחה מאַריאַשעס אין הויז.

ערשטע סצענע

גייטאַרינגם מעסטען שטיקליך וועביל, שפּרינצע אונ פייבוש.

גייטאַרינגס. צו צוויא אונ פופצינ ארשין אונ נאָך מיט א עודף. אויב איין שנים, אָהן געסטקעס אונ איינזעטצליך פון באטיסט וועט אויס־געהן צו פופצעהן העמדער. אָבער העמדער, שְׂרָרות'שע! גאַר אנטיק פון וועביל, דין וויא א רויך אונ פעסט וויא אייזען. (זייא רייסען) אין א גוטער, מזלדיגער שעה! אייער רייזילי זאל טראָגען אונ צורייסען געזונטערהייט.

שפּרינצע. אמן, אמן רבוני של עולם! — פארגעסט זשע גאַר נישט קיין צוויקליך, מאכט עס, איך בעט אייך, גוט. וויפיל האב איך גאָט געבעטען, מיין רייזילין חתונה קליידער דערלעבען צוזעהן. מיר פאר אידר קאָפּ! וואס ווייסט אידר, וואס זיא איז פאר א גאָלד.

גייטאַרינגס. זאָל אידר לויכטען אזוי דאָס מזל וויא זיא לויכט אונ שיינט. דער חתן, נישקשה, מעג אָנקוועלען וואס צו אידם אין דיא הענד פאלט אריין אזא בריליאנטענע כלה מיט גילדענע מעלות אונ מעשים טובים. קינדערליך, אייניקליך אונ אור־אורייניקליך זאָלט אידר מיט אייער מאן, שפרינצעניו, פון אידר דערלעבען, גרוים נחת אונ פיל גוטס. וואו איז זיא ערגיץ דיא כלה? לאָמיר אידר חאָטש צו ווינטשעווען.

פייבוש (אריינקומענדיג) א גאָט העלף, שפרינצעלי! (ער קוקט זיך ארום, לייגט אריין דיא האנד אונטערן קאָלנער אונ טהוט זיך א קראַצן) א פנים מאכי, אז מען זוכט געפינט מען. עס האט מיר עפּים געצויגען דאָס הארץ. האַ, וואוהין געצויגען? צו שפרינצעלין, שפרינצעלין! בין איך גע־קומען אונ גיַפונען טע־טע־טע... אקוראט חלעבין וויא געווינטשען.

שפרינצע. מאכי אָט וואס הייסט א שדכן, א גוטער פריינד. אידר האט, נישקשה א חוש הָרֵיחַ אונ טרעפט תמיד ווען צו קומען.

פייבוש. אויב פייבוש האט א חוש הריח! פון וואנען וואָלטען זיך גענומען דיא אלע זיווגים ווען נישט דער חוש הריח? אויף אָנשמעקען איז

פייבוש ברוך השם א בריה, איינער אין דער וועלט. (ער סמאָרעט מיט דער נאָז) ווארט, עפּיס שמעק איך אצינד... עס שמעקט דאַכט-זיך עפּיס אזוי וויא לעקיך אונ בראנפּין.

שפרינצע. גערעכט חלעבין! אצינד קומט מאקי לעקיך אונ בראנפּין. (זיא געהט צו דער שאַפע)

פייבוש (צו דיא נייטאָרינס) בייא מיין יורישקייט! אזא שפרינצעלי איז נישטאָ מען זאל ווייט דיא וועלט אומזוכען. וואס זאגט איהר וויא זיא שטויסט זיך אָן. — (שפרינצע שטעלט אויפן טיש א טאַץ מיט לעקיך אונ א פלאש בראנפּין מיט קעלישקליך)

נייטאָרינס (צווייפּנעהמענדיג דיא שטיקליך וועביל אין א פעקיל) זייט געזונט, שפרינצע!

שפרינצע. גאט אייך חאַטש צו שטיקליך לעקיך. אפשר וועט איהר איינטונקען אין אביסיל בראנפּין? — ניין! נוא געהט-זשע געזונטער-הייט. למען-השם צוויקליך, עס זאל חלילה איבער א צוויקיל א העמד נישט קאליע ווערען (דיא נייטאָרינס נעדען ארויס).

פייבוש (דרעהט דעם שפּיטץ בערדיל קוקענדיג אויפן פלאש בראנ-פּין) טריי-טריי-רייא, הים-הים.

שפרינצע. מאַכט-זשע ברכה, ר' פייבוש, וואס שטעהט איהר?

פייבוש. עס... ברכה, מהיכא-תיתי זאל זיין ברכה (ער גיסט אָן א קעלישיק אונ נעהמט אין דער האנד) לחיים שפרינצעלי!... עס זאל זיין וויא מיר ווינטשען. דער זיווג זאל עולה יפה זיין אונ מיר זאָלען הנאה האבען... ביז דער חתונה איז נישט ווייט אונ דענסטמאָל מוז איך בלי-נדר געבען שבת פאר דער מחותנתטע אונ געה מיט אייך א קאָזאַק. (ער טרינקט)

שפרינצע. אוי רבוני של עולם! אוי לעבעדיגער פאָטער, טאטע רחום, צדיק!

פייבוש. אי, פע שפרינצעלי, וואס איז דאס פאר איין אוי! א חתן האב איך אייך געגעבען מאקי גאר קַפְּרִיסִין, מיט אלע מעלות, אונ איהר...

שפרינצע. ניין, ר' פייבוש, חלילה נישט דאס, נישט דאס...

פייבוש. ניין, ניין, איך וויל גאר נישט הערען, לאָזט זיך דינען. אָפּגילטען בין איך ווערטה זאל מען מיך פאר אזא שידוך. נאט, אייך א דרייער פאר יענע פלאסקעדריגעס. עפּיס אזא חתן וויא אלכסנדר וואלגערט זיך אויפן מיסט! איהר ווייסט וויפיל מען וואָלט היינט פאר איהם געגעבען? אזא געלערענטער, א בריה טע-טע-טע...

שפרינצע. דאס פארשפּאָרט איהר מיר גאָר צוזאָגען. ווער נאָך אזוי וויא איהר ווייסט וויא איך האב מיך געלייגט אין דער לייג אין דער

ברייט ביז מיין שמחה האט גענומען דעם שידוך איינוויליגען. א קאטאָוועס בין איך פֿון מיינעם אויסגעשטאנען! אי נאָך היינט חאפט ער זיך א מאָל ארויס אקעגען מיט א וואָרט.

פֿ י י ב ו ש. אוודאי חלעבין מעג אייער ר׳ שמחה אויף אייך, אויף מיר זיך בלאָזען! אפנים ער ווייסט וואס הייסט היינטיגע צייטען א בתולה. וויא איהר קוקט מיך אָן, שפּרינגצעלי, בין איך שוין אין דעם ברויט, האַ, פֿאָרט וויפֿיל מיינט איהר?... וויא דיא מעשה איז, עס האָט זיך בייא מיר געדרעהט, אהער א דרעה, אהין א דרעה, עס האט זיך געדרעהט אונ היינט, זאג איך אייך (ער קוקט אויפֿן פֿלעשיל בראנפֿין) וויא דאס איז א שהכל, אז איז פֿע, חלשות! וואס איז היינט א מיידיל? עס ווערד אזש טרוקען אין האלז ריידענדיג.

ש פ ר י נ צ ע. נעהמט אביסיל בראנפֿין, ר׳ פֿייבוש. לאָזט זיך נישט בעטען.

פֿ י י ב ו ש (קווינקעלט זיך) טאַ, וואס קען עס שאדען. איך וועל אייך צוליב טאָן (ער טרינקט) יאָ, פֿע, פֿע, בנאמנות! — קנישעס א שטייגער קענט איהר זעהר גוט מאכֿען. וואס טהוט איהר, שפּרינצעלי? איהר נעהמט קעז, טייג אונ קלעפּט אוים גאָר א וואוילען קניש. בייא מיר אבער קלעפּט זיך דיא צייטען נישט. ס׳איז דאָ א בתולה, א בחור. דאכֿט זיך א שידוך, אונ עס קומט פֿאָרט אוים א קאָטער. פֿאר וואָס? ווילט איהר וויסען. זאגט-זשע מיר, זאלט איהר געזונט זיין. וואס איז דער פֿאָסטערנאק נאך דעם ערשטען דונער? פֿארדאָסט מחילה, חלשות. אָט האָט איהר אייך דאס שדכנות נאָכֿדעם אז בייא אונז האט זיך אָנגעהויבען דיא בילדונג-שמיל-דונג. עס האט אין גאנצען פֿארלוירען דעם טעם. בתולות זענין אָהן עין-הרע אָנגעזעצט, ווילען געביך חתונה האבען אונ חתנים זענין וויא אויסגע-טריקענט געוואָרען. דיא זענין געבליבען סטיבונעס, הארטע רעטיך וויא דעמב, יענע ווילען חתונה האָבען גאר אויף א נייעם שנים, עפּיס מיט אויבער הסברות, אונ אזעלכֿע, וואָס לאָזען זיך שוין יאָ ריידען שידוכים, קוקען נאָר אויף דער מטבע, הייסען זיך אָפּגילטען. טפֿוא זאל עס ווערען! מען מוז נעהמען אביסיל בראנפֿין חאָטש עס ווילט זיך נישט. לאָמיר זיין געזונט, שפּרינצעלי! (ער טרינקט)

ש פ ר י נ צ ע. לאָז אייך וואויל בעקומען. עסט אייך פֿון דעסטוועגען נישט אָפּ דאס הארץ, ר׳ פֿייבוש. נישקשה, דיא וועלט איז נאך נישט חרוב געוואָרען. אזוי לאנג דער זינדיגער מענש לעבט מוז מען חתונה האבען. חתנים נישקשה וועלען זיך געפֿינען.

פֿ י י ב ו ש. חאפט זייא דער וואטעל מאכֿער! אוודאי מעג זיך אייער ר׳ שמחה בלאָזען. פֿארצוקערען וואָלט מען דאָך היינט אזא חתן וויא

אלכסנדר. א געלערענטער און דערצו נאָך א בן יחיד. איהר פֿאַרשטעהט וואס הייסט היינט אזונס א בן יחיד! זינט דער פריזיוו איז א מינדסטער לגאָטניק א גרויסע מציאה, א קאלעקע, א בעל-מום יקרות טהייער. א פערכֿיל מחילה איז א מתנה פֿון זיין ליבען נאָמען, גאָלד און זילבער. ווען איך האָב צעהן אזעלכֿע בעל-הבתישע טע-טע-טע-טע!... זינדיגט זשע נישט שפרינצעלי און מאכֿט חלעבין נישט קיין אוי.

שפרינצע. איך זינדיג נישט, חלילה. איך אויקע נאָר א מאָל וויא דערלעב איך שוין איבערקומען דעם היינטיגען פריזיוו און רייזילים חתן זאל שוין זיין פֿרייא. ער איז טאקי אמת א בן-יחיד, נאָר געה וויים, וואָס קען זיך נאָך מאכֿען.

פֿייבוש. איהר רעדט, האָט מיר קיין פֿאַראיבעל נישט, וויא א ליטוואק, וואָס גלויבט גישט ביז ער צעהלט נישט איבער. איהר האלט א פנים, שפרינצעלי, משכון בבית שלם בקעשעניע. (הינטער דער טהיר הערט זיך א קול: בעל-הביתטע, בעל-הביתטע!)

שפרינצע. בלייבט נאָך, בלייבט, ר' פֿייבוש, מיר וועלען נאָך שמיעסין. איך געה נישט אויף לאנג (זיא געהט ארויס).

צווייטע סצענע.

פֿייבוש, דערנאָך דוואָסיע.

פֿייבוש. וואָס פֿעהלט מיר, דאכֿט זיך, וואָס געהט מיר אָפּ? זיצט מיר צוליגט דאָ אויפֿן שטול, וויא ביים טאטען אין ווייגהויז, אין שכנות מיט לעקיך און א פֿלעשיל בראנפֿין, איינער אליין!... (ער גיסט אָן א כוס קוקענדיג אויפֿן פֿלעשיל מיט א שמייכֿעלע) לחיים פֿייבוש!. גאָטוניו זאָל געבען, דאס רעדיל זאל זיך דרעהן (ער טרינקט געשווינד אויס), עך, האָט זיך עס א מאָל בייא מיר גערעדעהט, גערעדעט. יודען האָבען זיך גע־חאפט גיכֿער, גיכֿער חתונה צוהאבען. ס'איז געווען פרנסה. און היינט... וואָס מיר היינט... (ער גיסט אָן א כוס, טהוט א זופּ און שפייעט אויס) פֿע! היינטיגע בתולות, בחורים משטעהנעם נעזאָגט!... עפּיס איז זייא גאָר נישט איינצובייסען. אלץ אליין, אליין, אפילו שידוכים, אויך אליין, צווישען זיך, מיט דער מאָדע, מיט דער פּאָליטיקע. מיין קאָפּ זאָל מיר נישט קריינקען, ווען רייזילי מיט איהר חתן זאלען איינער אין דעם אנדערען זיך נישט פֿארליאפען אויב איך וואָלט עפּיס געפּועלט. גלאט איך האָב מיר אָנגעשמעקט און דרינען נאָר אונטערגעשטופּט. א גוטע בחודטע דאָס

רייזילי !... שיינע בתולות, פֿיינע בחורים די היינטיגע, שפּאַרען שוין אָן אין בעל-הבתישע ערטער אין גאַנץ יודישליכֿע הייזער! געהלעבט, האָב פּרנסה פֿין אזעלכֿע. (ער דערגיסט דעם כוס מיט א שמייכֿעלע) הנני מוכן ומזומן לקיים כוס שלישי, עט, נישקשה, בטחון, בטחון!... לאָזען נאָר, גאָטעניו, דיינע יודעליך אביסיל קומען צו זייערע קרעפֿטען און זיך פּרובֿפּערען און מעהרען, דערנסטמאָל קנאַק איך מיט דער בייטש טשאַקענדיג, אַרויסשטעקענדיג דער וועלט צעהן פֿינגער. (ער טרינקט מיט א מאָל אויס און פֿאַרקרימט זיך) ביטער! לעת-עתה האָב איך א פֿייג. עס דרעהט זיך, דרעהט זיך דער קאָפּ. א ביטערע, ביטערע צייט. (ער קוקט א ווייל שטיל שאַרף אין פֿלעשיל) דרעה מיך אהין אהער... צאַפּעל זיך... דאָ אין דער משקה. צעהן פֿינגער, חע חע-חע! וועמען שטעק פֿון דאַנען? איך מיר אליין טאַקי ארוים. קוקו! נאַ, א פֿייג א פֿיי... (ער לאָזט אראָפּהייגנען דעם קאָפּ און שפּאַרט אָן מיטן שטערען דעם טיש. פֿונם קאַראַדאָר הערט זיך א ביי-זערין. דוואָסיע לויפֿט אריין געשווינד, פֿאַרקאַטשעט דיא אַרבעל ביז דיא עלענבויגענס מיט א באַרשט אין דער האַנד).

דוואָסיע. נוא א טאָג! א בייזע מהומה אויף מיינע שונאים׳ס קעפּ. עס שטעלט זיך היינט דער גוטער טאָג. דיא בעל-הביתטע קאָמאַנדעוועט, הוא האַ, האַ-הוא! און דער בעל-הבית פֿאַרקרימט זיך וויא סרעדאַ נאַ פּיאַטניצאַ, איז עפּיס אויף דער לינקער זייט היינט אויפֿגעשטאַנען. און צו וועמען לאָזט זיך עס אין גאַנצען אוים? צו דוואָסיעס קאָפּ! דוואָסיע — דאָס, דוואָסיע — יענץ, דוואָסיע—אהין, דוואָסיע—אהער. דוואָסיע, שונא-ציון, צעדיים דיך, דוואָסיע. שפּרינג אוים דער הויט!... אָט האָסט-דוא דיר...

פֿייבוש (וויא פֿונם שלאָף צוצויגען מיט א גענויץ) א פֿייג!

דוואָסיע (ארומקוקענדיג זיך פֿאַרוואונדערט) טפֿוא! וואָס האָט זיך מיר געחלומט דיא נאַכֿט און יענע נאַכֿט...

פֿייבוש (משוכֿעט זיך) בחורים, פֿיינע בחורים...

דוואָסיע. א לשון אביסיל!

פֿייבוש (אויפֿשטעהענדיג) אזוי, שפּרינצעלע, וויא מחילה א ליטוואַק...

דוואָסיע (אין דער זייט) וויא מהילה א שכּור!

פֿייבוש (אויסקנאַקענדיג זיך דיא ביינער מיט א שמייכֿעלע) חע-חע-חע. א גוטען!... אויף דער חתונה, אם-ירצה-השם, געהן מיר, בלי נדר,ביידע א קאָזאַק. (ער געהט ארוים)

דוואָסיע (פֿאַרקרימענדיג זיך) אָט צוזאָג איך מיך!...

דריטע סצענע.

דוואָסיע דערנאָך מענדיל.

דוואָסיע (שטעהט און בעטראַכט איטליכס ווינקעלע, שאָקלענדיג מיט דעם קאָפּ) וואָס דאָ טהוט זיך אביסיל!... אומעטום ברעקליך, שטיקליך נאָר וויא אין א הקדש, — טפוא! אז רייזילין גלוסט זיך תתונה האָבען איז ווער שולדיג? דוואָסיע! נעה קעהר, ריים. דוא נאָר ביסט א מענש און יענער חלעבין האָט גאָר קיין נשמה נישט. אוי, דערבארמדיגער גאָט, לאָמיך היינטיגס יאָהר אויך עפּיס אויפגעריכט ווערען. שוין צייט, צייט, חלעבין! (זיא געהמט זיך קעהרען, זינגענדיג דערבייא פּאַר זיך צוצויגען אונטער דער נאָז):

אויפן פריפּעטשיקעל ברענט א פייעריל
און אויסען קוימענדיל געהט א רויך,
אז איך דערמאָהן אין מיין בעשעהרטען זעך
פארליהר איך אוי דעם קאָפּ און דעם מוח.

אין דרויסען געהט א רעגענדיל,
אין שטיבעלע איז זעך פּאַרנע,
אויף דער גאנצער וועלט איז א פּרייד
און מיר איז ביטער און מאַרנע.

(פונם קאָראדאָר הערט זיך א געשרייא: דוואָסיע! דוואָסיע!)

דוואָסיע (פּאר זיך). א אויף דיא ציין, אויף דיא ציין! א קול אביסיל וויא איין עשׂו (זיא רופט זיך אָן) אָט געה איך, געה! (אין דער טהיר שטעקט זיך אריין א קאָפּ פון עפּיס א יודענע. דוואָסיע שושקעט זיך מיט איהר און אין דעם נעשושקערייא חאפּען זיך בייא איהר ארויס ווערטער הויך אויף א קול) אזוי? אויף היינט אין אָווענט האָט איהר איהם בייא זיך בעשטעלט?... גוט, עלקע!... איך וועל מיך זעהן אויסרייסען. האַ, וואָס? שבתדיג זאָל איך מיך אָנטאָן?... נוא-נוא!... א שיינער?... גוט, גוט, עלקע... איך וועל קומען... געהט געזונד... (זיא געהט ארויף אויבענאָן-צו) א יונגער מאן גאָר א וואוילער. א קאָפּ גאָר א פאנקוכען, א פּאָר באקען וויא צווייא פּעטע, פארברוינטע חרעמזליך, א גיידעריל וויא איין אָנגעפּיהלט העלזיל. מחיה! ער איז נישט קיין בעל מלאכה, נישט קיין משרת, נאָר גלאט אזוי זעך א פיינער יונגער מאן. (מיט א זיפץ) אוודאי איז שוין גענוג אָך און-וועה, אז ר' כתריאל דעם מלמד'ס א טאָכטער זאָל דינען, זיין אין דער פרעמד, נאָר איך זאָל נאָך נעהמען עפּיס א האָרע=

פאשנע מענשען, ניין! אזא בזיון איז שוין צו גרויס... (זיא נעהמט זיך ווידער קעהרען און זינגט-צו)

אונ מיר איז ביטער אונ כאָרנע.
טפּוא, מיינע שונאים, מיינע שונאים!
אונ פלוצלים דאכט זעך עפּיס א שאָרך,
ע-הע, ע-הע, אין הארצען טיאָך-טיאָך!

(זיא ווארפט קעהרענדיג אראָפּ מיט דער בארשט עפּיס א פידעלע) אַ, אין דער ערד מיט דעם קאָפּ! געה שטעל זיך נאָך קלייבען. (זיא הייבט אויף א פּאָר קרעלענע אוירינגליך מיט א קעלנעריל און נעהמט זיך זייא בעטראַכטען) גאָר אנטיק חלעבין פון אוירינגליך. רייזילים כלה-מתנות. עס פאַרנעהמט די אויגען! איך בין א בעלן זייא אָנצומעסטען, וואָס פאַר א פּנים וועל איך אין זייא האָבען (זיא טהוט אָן דיא אוירינגליך, קוקט אין שפּיגעלע און שמאַכט פאַר גרויס הנאה) אָך, שיין! מיטן חייסען קעלנעריל וועט נאָך שעהנער אויסקומען. (זיא נעהמט זיך אָנמעסטען דאָס קעלנעריל, קוקענדיג אין שפּיגעלע, מאַכט מיט דעם קעפּעלע און זינגט זיך אונטער):

ע-הע, ע-הע, אין הארצען טיאָך-טיאָך.

מ ע נ ד י ל (קומט גאנץ שטיל אריין. געהט-צו אויף דיא שפּיץ-פינגער הינטער דוואָסיען, שאָקעלט איהר נאָך מיט דעם קאָפּ און קושט מיט א האָוואַיעלע די פינגער) א, מחיה, צוקער זיס!

ד וו אָ ס י ע (שטארק בעשעפּטיגט מיט זיך, שמאַכט און ברומט אונטער)

צו מיר, צו מיר דוא נשמה מיינע,
ליובע לעב! רופט ער, ליובע איך בעט!
איך געה און קום צו מיין זיס לעבען
און טהוא און חאפּ א קוש א גלעט.

מ ע נ ד י ל (שטיל מיט א האוואיעלע) עס קאָטערט זיא, עס האָבען איהר זיך צושפּילט דיא געבליטען. דאָס ליבע-פּלעשעלע א-פּנים העלפט. (ער נעהמט ארויס פונם בוזעם עפּיס א פּלעשעלע, נעצט אין א פינגער און דערלאנגט פלוצלים דוואָסיען הינטען אויפן האלז א שמיר, מאַכענדיג דערבייא)

און טהוא און חאפּ א שמיר א גלעט.

ד וו אָ ס י ע (קעהרט נישט טוים נישט לעבעדיג זיך אום און ווארפט בשעת מעשה ארויס פון מענדילס האנד דאָס פּלעשעלי, וואָס צוברעכט זיך אויפן פּאָל): אין דער ערד אריין, ימח-שמוניק איינער! ס'איז מיר ענטפאַלען דאָס געזונט. וואָס איז פאַר א מאָדע קיטצלען-זיך? נאט איך נייעס, ער קיטצעלט!... איך וועל דאָך דיר דערלאנגען א קיטצעל, אז דוא וועסט דאָ דיא נכפּה בעקומען.

מענדיל. דוואָסיעניו, איך חאלעש, איך שטארב! אזוי שיין ביסט-דוא היינט. ס'איז דיר אין פנים נישט ארייננצוקוקען וויא אין דער ליכטינגער זון. אוי, ליובע-לעב, חאלעש איך, א קוש, א קוש!

דוואָסיע. נוא, מענדילי, ווער פֿארברענט! איך האָב נישט קיין צייט.

מענדיל. עפּיס אזא מלאכה, וואָס מען ברויכט דערצו צייט?! דוואָסיעניו, האָב רחמנות אויף א יודישער נשמה! איך וועל דיר געבען כלה-מתנות אזעלכע אווירינגליך, א סאמעטן מאנטיל, א גילדען קייטעלע און א בראַשקע. דוא וועסט ביי מיר זיין א פּריצה, א שְׂרָרָהסטע, א גראַפֿינע, א פּרינצעסין, א רביצין!... (ער חאפּט דוואָסיען ארום, פּלוצלים הערט זיך פֿונם קאראדאָר א געשרייא: דוואָסיע, דוואָסיע!)

דוואָסיע. אָ, אויף דיא ציין, אויף דיא ציין!... אז רייזילין גלוסט זיך חתונה האָבען זעטצט מען פֿון דוואָסיען דיא נשמה ארויס... הערסט-דוא מענדילי? נעה דיר, נעה צו אלדע שווארצע יאָהר. לאָז! (אראָבוואַרפֿענדיג פֿון זיך געשווינד דיא אורינגליך און דאָס קעלנעריל רייסט זיא זיך אויס פֿון מענדילס הענט מיט איפּמעט אזוי, אז מענדיל פֿליהט צו א ביינקעל און קעדרט מיט איהם זיך איבער אויף דער ערד).

פערטע סצענע.

מֶענְדִיל, שִׂמְחָה און ר' יוֹחָנָנְצֶע דעם רָבִ'ס.

מענדיל (ראטשקעוועט זיך אויפשטעהן און זוכט דאָס היטעל) אָבי דער קאָפּ מייַנער איז גאנץ, דאָס היטעל וועט דער שווארץ יאָהר נישט צונעהמען... אָ, נישקשה, דוואָסעניו, מיר וועלען זעהן, וואָס דו וועסט היינט אין אָוועגט בייא עלקע דער קאָרטענוואַרפֿערין זאָגען! חאַ-חאַ חאַ, א גוטע מְמֻזֶּרְתֶּע דיא עלקע. וויא זיא מיהט זיך פֿאר מיר! נאט איך א פּזמון פֿון ראש חדש קרעמעניץ, עפּיס א חתן וויל זי היינט אָנקוקען! חאַ-חאַ-חאַ, דוואָסיעניו! חתונה פּגרסט-דוא דאָך מאקי צו האָבען, וועסט קומען צופֿליהען איסגעפּוצט און לסוף וועט גאָר מיינער וויא פֿונם הימעל אראָפּפֿאלען. סקאַציל קומט דוואָסיעניו! עלקע מיט אידרט, איך מיט מיינס את מיר וועלען דיך איינבייסען... נישקשה, אין א שידוך איז איטליכער בעגלויבט אויף א ליגען. א יודענע א שַׁדְכָנְתֶע מעג אויך אָפּליגנערען וויא א יוד מיט א באָרד... א שדכן איז אפילו חשובער, נאָר וואָס זאָל מען טאָן? אז תשעה באָב איז נישטאָ קיין פֿלייא מוז מען יוצא זיין מיט וואנצען. (ער הייבט ,

אויף און בעטראַכט דאָס צעבראָכענע פלעשעלי) עס זאָל דאָס איבערבלייבען חאָטש א קאָפּ! פינף און זיבציג קאָפּיקעס מיין בלוט האָב איך בעצאָהלט סטעמפעניון אָט פאַר דעם ליבע-פלעשעלי. ער האָט געשוואָרען אז ביים צווייטען, דריטען שמיר מוז יענע דיך ליב האָבען און ציהען בייא דיא פּאָלעס... מיר דאַכט זיך, עס האָט אָנגעהויבען טאקי אביסיל צו ווירקען, נאָך היינטיגען שמיר איז דוואָסיע געוואָרען ווייכער. ס'איז שוין גאָר נישט דער וואָרף וואָס פריהער!...

שמחה (קומט אריין און בלייבט שטעהן פאַרוואונדערט) וואָס טהוט זיך דאָ אזוינס, מענדיל?

מענדיל (אנידערשטעלענדיג אין איילעניש דאָס אומגעפאַלענע ביינקיל) נישט אויסצוהאלטען פון דער קאַטץ. אוועקגעראַנגעלט האָב איך מיך דאָ אביסיל מיט דער שיינער קאַטץ!...

שמחה. וואָס! מיט יענער, וועלכע איך האָב געטראָפען ערשט ארויסשפרינגענדיג פון דאנען? אויב יענע איז א קאַטץ, ביסט דוא, מענדיל, א קאָטער! — אזוי, שיינעץ איינער, ביסט-דוא א מענש אין דער טאקסע! זאָג נאָר, וואָס הערט זיך מיט דיא אָקסען, וואָס מען האָט היינט געקיילעט? ביסט דאָרט אין דער באָינע געוועזען?

מענדיל. א נס חלעבין, וואָס איך בין בעצייטענס אהין אָנגעקומען. עס האָט נעקענט ווערען א גוטע חתונה. דער שוחט האלט א לונג-און-לעבער, ר' יוחנצע בלאָזט, שטופּט א פינגער, קריכט זיך מיט א פאַרפרומט פנימיל, וויא ס'איז איהם עפּיס שטארק נישט רעכט און שאָקעלט מיט דעם קעפּעלע. אז ער האָט מיך דערזעהן וויא איך שטעה און קוק איהם קרום אָן, איז ער נעבליבען וויא דערוואָרגען, געמאַכט עטליכע מאָל טאָ, טאָ — און דער שוחט האָט א זאָג געטאָן: כשר... דער רוח זאָל איהם וויסען וואָס ער קריכט אהינצו. נישט אנדערש, ער מיינט שוין ווייטער עפּיס... קארג לעדוויצעס נעדמט ער איבער. א, נעהמען זאָל איהם דער...

שמחה. שאַ, מענדיל! ס'איז נישט דיין עסק.

מענדיל. אָבער זיין עסק איז עס אויך נישט. וואָס פאַר א מחותן איז ער מיט דער טאקסע? קארג פאַר איהם מאיר בעל הנס פושקע, ארץ-ישראל געלד, נאָך און נאָך און נאָך... דם צפרדע, כנים איהם, דיא אלע עשר מכות!

שמחה. תרבית! וויא עפּענט זיך עס דיר אויף דאָס מיל אויף אזא פרומען, עהרליכען יודען, וואָס שטאמט פון בערען, פונם גנילאָפּיאָטקער רב'ס געזינד!

מענדיל. אוי, האָט דער בער לאפּעס! ניט אומזיסט קריכט ער אונ שטעקט אריין דיא מאָרדע. ער וויל מסתמא אָפּלעקען א ביינדיל. הלוואי איך זאָל לינען זאָגען, דער בער זאָל נישט קומען אונ נעהמען אין דער טאָרבע.

(ר' יוחנצע קומט אריין, גיט א קוש די מזוזה אונ פּארגלאָצט דיא אוינען מיט א זיפּצעלע).

שמחה (גיהט ר' יוחנצען אקעגען) ברוך-הבא, ר' יוחנצע! זעהר אַנגעליינט; חלעבין.

מענדיל (אין דער זייט) אָנלייגען זאָל ער מיט דעם קאָפּ!

ר' יוחנצע. אין א מצוה זאך, ר' שמחה... הגם ס'איז אביסיל שווערליך, בין לא עליכם עפּיס אוי... פאר קודשא-בריך-הוא איז עס פּאָרט קיין תירוץ נישט. וואָס טהוט מען מיט יודישע קינדער נעביך?... שטעלט זיך גאָר דער טאָג איז אלץ מצוות, מצוות.

מענדיל. (פון דערווייטען) נאָך גאנץ פריה היינט כלחוך השור, האָט ר' יוחנצע ניכטערהיים געקוקט דאָרט מחילה אין איין אָקס אריין. גאָט זאָל זייא נאָר דערליינגערען דיא יאָהרען. — וואָס ווילען זיי אויף שבת א לעדוויצע צו א לעקער?

ר' יוחנצע. בע... וויים איך, וואָס... עס.

שמחה (א קוק געבענדיג בייז אויף מענדלין) גיה שוין דיר דיין וועג! האָסט, דאכט זיך, גייטיגע ארביים.

מענדיל. ר' יוחנצען פרעגען, וואָס זייער גוטער ווילען איז, איז דאכט זיך אויך נייטיג. (ער גיהט ארוים)

פינפטע סצענע.

דיא פריהערדיגע אָהן מענדלין.

שמחה. (נאָכדעם וויא אקעגען א רגע איז שטיל) אזוי, ר' יוחנצע? אין א מצוה זאך, זאָגט איהר. — וואָס קוועטשט איהר זיך עפּיס, הא?

ר' יוחנצע. אוי, אוי, אלץ לא עליכם מיט דיא מירידין... לאָמיר עס אָפּמאכען בקיצור. א שוחט, ר' שמחה'לי, אוי, נאָך א שוחט!

שמחה. בייא אונז איז שוין אָהן דעם דאָ גענוג שוחטים, וואָס קאָסטען א קאסע: צו וואָס נאָך איינער? מען וועט דאָך ארויפליינען ווייטער אויפן פלייש. דער עולם וועט שרייען אונ גערעכט זיין.

ר' יוחנצע. פאר קודשא-בריך-הוא איז עס פּאָרט קיין תירוץ נישט... בייא א שטיקעל סירחא קלאפּט דאָס הארץ, אפשר חלילה טרעפען

דיא אלע נישט. וויא באלד נאָר עפּיס א חשש איז שוין אַי, אַי... אלסדינג כדאי. מען וועט שרייען! — מילא דאריבער לאָמיר נעהמען אויף אונזער קאָפּ אזא עבֵרה? דערנאָך, אל תפתח פה לשטן, אז קליינע קינדער וועלען שטארבען, ווער וועט שולדיג זיין? — מיר! פֿאר וואָס, וועט מען שרייען, האָט מען צוגעלאָזט חטאים!... געוואלד, וואָס פֿאר א מצוה פֿאר יודען איז שחיטה!

שמחה. פֿאר וואָס ביז אצינד איז רעכֿט געווען און פלוצלים איז נולד געוואָרען נאָך א שוחט? א גאנץ איבריגע זאך, חלעבין. עס וועט שלעכֿט זיין אי פֿאר דעם עולם אי טאקי פֿאר מיר. איהר ווייסט אייך אייערס און איך מיינס.

ר׳ יוחנצע. אוי, אוי, לא עליכם... בקיצור ס'איז רעכֿט. היינט חוץ לזה, מוזט איהר ויסען, וויל ר׳ שמעלקי אויף ווייטער נאָך א גראָשען איהם פֿון דער אָקע פֿלייש.

שמחה. גאָט איז מיט אייך, ר׳ יוחנצע, וואָס רעדט איהר?! א פּופּצעהן יאָהר אז ר׳ שמעלקי נעהמט א דרייער פֿון דעה אָקע פֿאר דיא הילצערנע קליימליך זיינע אויף פֿלייש צו פֿארקויפֿען. א שפּאס וויפֿיל ער האָט שוין איבערגענומען און פלוצלים נאָך א הוספה!

ר׳ יוחנצע. און אונזער ר׳ טודריסיל וויל אָנשטאָט א האלבער טאקי א גאנצע קאָפּיקע פֿון דער אָקע.

שמחה. פֿאר וואָס, פֿאר דיא פֿינף הונדערט קערבליך וועלכע ער האָט אויסגעליגען, אזוי הייסט עס, צורעכֿט מאכֿען דיא באָד מיט דער מקוה! דיא באָד איז עד-היום טאקי א חורבה און דיא מקוה שטינקט מחילה וויא פֿריהער איין עיפוש... אזוי פֿיל יאָהר נעהמט ער, נעהמט און פלוצלים גאָר א הוספה! עס גרוילט דאָך דאָס לייב הערענדיג. מיר קומט דאָך אוים טאקי צוצולייגען דעם קאָפּ און צו-ווארפֿען דיא טאקסע. ר׳ יוחנצע, איך בעט אייך, מאכֿט עס זאָל בלייבען וויא פֿריהער. לאָז מען נישט שרייען.

ר׳ יוחנצע. און אגב טאקי האָב איך אליין צו אייך א שטיקעל קשה. איהר זאָלט מיר נישט אָפּזאָגען.

שמחה. אָך, אלסדינג, פֿון אייערטוועגען אלץ וואָס נאָר מעגליך.

ר׳ יוחנצע. אוי, א שווערער, ביטערער גלות! — מיין חאסקילי, אוי, בעדארף געהן צום היינטיגען פריזיוו. אז-אָך-און וועה צו וואָס מיר האָבען זיך דערלעבט, אז א חאסקילי, א זיידען קינד, פֿון אזא הייליגער משפחה, דערצו נאָך א מטופל נעביך מיט ווייב און קינדער מוז בעוונותינו הרבים זיך שטעלען! טאקי נאָר משיח-צייט. מילא האָב איך געוואָלט אייך בעטען — אוי, לא עליכם... מיינע שטעכֿעניש אויף דיא שונאי ישראל —

בעטען, איבערצורייידען מיט דעם דאָקטאָר און נאָך אזעלכע. פֿאַר־שטעהט איהר?

שמחה. אָ, שוועהליך און דערצו איך מאַכי עפּיס פּריקרע. . . . איז חאָסקילי אייער געזונט?

ר׳ יוחנצע. מכח געזונט איז, צווישן אונז געֿרעדט, בעוואָהרענט. דיא לעצטע צייט איז ער נישקשהדיג פֿונם פּנים אראָפּ, נישט צודערקענען איהם. . . אָט מכח דעם בעדאַרף איך וויטער אייער טובה. זלמן, אייער מחותן, מאַכֿט א מורא, בְּאַם ביים פּריזיו וועט נישט צוגעהן כשר, וועט ער אויסגעבען... פֿאַרשטעהט איהר מיך... זיין בן-יחיד, דער חתן אייערער, שטעהט אויך אויפֿן פּריזיוו. איהר פֿאַרשטעהט?

שמחה. ווילט איהר, הייסט עס, איך זאָל רייידען מיט זלמנען. אָט דאָ האָט איהר מיר פֿאַרגעבען א שווערען לייענען! איהר ווייסט דאָך וויא שטאַרק מחולק מיר בײדע זענין. איך געה מיר אויף מיין דרך און ער אויף זיין ווייטען דרך.

ר׳ יוחנצע. און דער חתן אייערער, מישטעהנעס געזאָגט, איז פֿאַרקראָכֿען העט, העט אויף נאָך א ווייטערען דרך. אַי, אַי, ר׳ שמחהלי! וויא קומט צו אייך אזא שעטנז? (ער סמאָרעט מיט דער נאָז) אלכסנדר! עפּיס, רחמנא-ליצלן, גאָר דייטשערעס. ווּעמען מען האָט דאָ צופֿאַרהיטען!... אוי, ר׳ שמחהלי, זענט איהר דערפֿאַר ווערטה...

שמחה. פּיינגט מיך נישט, ר׳ יוחנצע! לאָמיר דערפֿון, איך בעט אייך, נישט רייידען.

ר׳ יוחנצע. (אויפֿהייבענדיג זיך) וואָס-זשע, האַ, ענטפֿערט איהר מיר מכח יענץ?

שמחה. וואָס, מכח אייער בקשה?

ר׳ יוחנצע. אי... איך מיין מכח דיא פֿריהערדיגע ענינים.

שמחה. וויא נאָט איז אייך ליב, ר׳ יוחנצע, רייבט עס אָפּ! מאַכֿט עס זאָל בלייבען וויא פֿריהער. מכח אייער בקשה וועל איך מסתמא שוין זעהן . . .

ר׳ יוחנצע. טאַ. איך וועל מיך פּריווען... (ער לאָזט זיך געהן צו דער טהיר און קעהרט זיך פּלוצלים אום) גוט חלעבין, איך האָב מיך דער־מאָהנט. עט. איך גענייטיג מיך אצינד, גענייטיג איך מיך אין א גמילות-חסד. אזוי, עטליכֿע קערבליך.

שמחה. וואָס זשע האָט איהר לכתחילה דאָס נישט געזאָגט! עפּיס דאָס ערשטע מאָל איז מיר צוגעבען א גמילות חסד. (ער שטעקט ר׳ יוחנצען אין דער האנד אריין) זעהט זשע ר׳ יוחנצע, איך פֿאַרלאָז מיך שוין אויף אייך.

ר׳ יוחנצע. נוא—נוא. האָט זשע אין זינען מכח... (ער קושט דיא מזוזה אונ געהט ארויס)

שמחה. (שטארק אויפגעבראכט) נישט אויסצוהאלטען, תמיד איז נאָר גיב, גיב, גיב! יענעמס מקורבים, אָרמע קרובים גיב שטעלען אין דער טאקסע, דעם גיב בעשטימטע קצבה, אָדער קלאָמפערשט גמילות חסדים. היינט לא יחרץ-געלד עזות-פּנימער, אָנהאפּער, זאָגטערס, קאָלעפּעל, שטאָדטפּעטערס, פּאקטוירים, דרעהקעפּליך, הענטשקע-לשון-ריידער, פּאַט-שערקעסמאַכער, עצות-געבער, וועלכע מען בעדאַרף פאַרשטופּען דיא מיילער אונ מען מוז נאָך שווייגען. גנה דערצעהל דעם עולם מעשיות אונ רייץ אקעגען דיר אויף א וועלט מיט פּיינע, לייטישע מענשען... גנבים, בלוט-צאפּערס ווערד פאַרהאַפט אין איינעם מיט דער טאקסע!... (שפּרינצע אונ רייזילי קומען אריין).

זעקסטע סצענע.

שִׂמְחָה, שְׁפְּרִינְצֶע, רֵייזִילִי דערנאָך אַלֶכְּסַנְדֶר.

שפּרינצע. איך זוך דיך שוין, שמחה. ציט איינהאַנדלען דעם קינד חתונה קליידער. גיב געלד!

שמחה. נישט אויסצוהאלטען. איין קול: גיב, גיב, גיב!

שפּרינצע. הערט נאָר אביסיל וויא ער האָט זיך צושריגען! גזלנים זענין איהם איבערגעפּאלען.

שמחה. זאָלסט-דוא טאקי וויסען שפּרינצע, גזלנים!... לאָז מיך חלעבין צו רוה. איך בין אסור נישט משוגע, אונ ווייס וואָס איך שרייא.

שפּרינצע. גענוג שוין דיינע שטעכווערטליך. מען ווייסט, מען ווייסט אז דיר געפעלט נישט... ציה מיך נישט בייא דער צונג. נאָר וואָס וועט עס דיר אָבער העלפען... מיר פאַר דיין קאָפּ, רייזילי, דוא וויינסט? שאַ, נישקשה! מעגסט זיך חלעבין שעהמען, שמחה. אזוי רעדט א טאטע!

שמחה. אַי, אַי שפּרינצע!

שפּרינצע. וואָס זאָל איך דאָ מיט איהם טענהן. קום, רייזילי, קום אונ לאָמיר לאָזען צורוה דעם טאטען!

רייזילי (צופאלענדיג צו שמחהן) טאטעניו, דוא ביסט דאָך אזא גוטער, ליבער טאטעניו! קריינק מיך נישט, איך בעט דיך אונ זייא אויף מיר נישט אין כעס.

שמחה. נישט אויף דיר, רייזילי, חלילה! ס׳איז דאָ אויף וועמען אנדערש אין כעס צו זיין.

שפרינצע. דאָס, טאָכֿטער, איז איין אָנצוהערעניש מיר. מיך מיינט ער... האַ, וואָס פֿאָרט האָב איך דיר, מיין מאַן, אזוינס געטאָן?

שמחה. דוא? גאָר נישט... ביסט א גאַנץ עהרליכֿע יודענע, שרייעסט נאָר א מאָל איידער דוא ווייסט פֿאר וואָס. אפשר האָב איך היינט געהאט קריינקונג, עגמת-נפש און בין דאריבער אביסיל אויפֿגעבראכֿט.

שפרינצע. בעט איך דיך הונדערט מאָל מחילה. דערצעהל-זשע מיר, שמחהניו, וואָס איז אזוינס? דערצעהל.

שמחה. איין אנדערש מאָל, שפרינצעלי. אצינד מוז איך נייטיג אויף א ווילע אוועקגעהן. — נאַ דיר דאָס שליסעלע און נעהם פֿונם קעסטעלי דאָרט אליין ארויס וויפֿיעל דוא בעדארפֿסט. (ער געהט)

שפרינצע. נעביך. ער האָט נאָך היינט אין מויל נישט געהאט.

רייזילי. (זעצט זיך און נעהמט אויסצייכֿנען נאָזטיכֿליך) און דוא מאמעניו, האָסט איהם נאָך אביסיל... ער איז דאָך צו דיר אזוי גוט.

שפרינצע. מיין דאָליע בייא איהם אויף אלע מיינע ליבע געזאָגט געוואָרען. איך האָב דיא דעה. פֿון-דעסטוועגען מוז מען אמאָל — חאָטש נאָר לפנים — זיך טאָן א בייזער. שטענדיג גוט טאָהר מען אפילו מיט דעם בעסטען מאן נישט זיין... דיא מענער זענין פֿייער און מיט פֿייער בעדארף מען וויסען וויא אומצוגעהן.

רייזילי (האלט איין אויסגעצייכֿענט טיכֿעל שפרינצען פֿאר דיא אויגען) קוק אָן מאמעניו. P. K., מזל טוב מיר מיט דעם נאָמען! אונטער דעם לעצטען אות וועל איך באלד אריינטרעטען אין א נייא לעבען, מיט א נייער פֿאמיליע און א נייא מזל. איך בין איבערגליקליך.

שפרינצע. גליקליך, טאָכֿטער, זאָלסט דוא טאקי אייביג זיין. דאָס מזל זאָל דיר לייכֿטען און שיינען וויא דער ליכֿטיגער מאָרגענשטערען.

רייזילי. איך בין איבערגליקליך. און דאָך פֿיהל איך אין הארצען מיך עפּיס... וויא זאָל איך דיר זאָגען... עפּיס אביסיל וויא בעליידיגט. לעב אזוי פֿיל יאָהר מיט דיין נאָהמען און פלוצלים פֿארענדער איהם. עס קומט אוים עפּיס זענין מיר חפצים, מיר בייטען תמיד און טראָגען דעם נאָהמען פֿונם בעל-הבית, וועלכֿען מיר געהרען. פריקרע!... וואָס זאָגסט דוא, מאמע? דיא מענער זענין פֿייער. (אלכסנדר קומט אריין)

שפרינצע. שווייג שוין שווייג, ווייס איך וואָס איהר פֿאלט איין!

רייזילי. (מיט א געלעכֿטער) דוא הערסט, אלכסנדר, וואָס דיא מאמע זאָגט, מען בעדארף וויסען וויא מיט פֿייער אומצוגעהן.

אלכסנדר. פֿייער איז א גנב. אָבער אקעגען וואָס?...

רייזילי. חאַ-חאַ-חאַ, דאָס ווייס איך שוין אקעגען וואָס. שאַ! וואָרים אָט טהוא איך מיך א בייזער.

שפרינצע. (טייטענדיג מיט דעם פֿינגער אויף דער נאָז) אַי, רייזילי, ביסט-דוא א שפעטערין! (צו אלכסנדרין) ווייס איך, וואָס זיא וויל דיר דאָרט אביסיל פֿארדרעהן דעם קאָפּ. (זיא געהט ארויס).

זיבעטע סצענע.

רֵייזִילִי, אַלֶכְּסַנְדֶר דערנאָך דְוָואסְיֶע.

אלכסנדר. נייעס, רייזילי! זעהר וויכטיגע נייעס.

רייזילי. עפּיס גוטס, האַ? שאַ, נישט קיין וואָרט! דיין פּנים זאָל מיר פֿריהער זאָגען. נעהענטער צו מיר מיט דעם פּנים!

אלכסנדר. (שמעלענדיג זיך נעהענטער) ע-ע, רייזילי, דוא הייבסט אָן בעציימען מיך צומושטירען; עס פּאסט חלעבין נישט פֿאר א רביצין.

רייזילי, וואָס איז דאָס פֿאר א נייער טיטעל?

אלכסנדר. גאנץ פּשוט. אז דער מאן איז א רב, איז דאָס ווייב א רביצין.

רייזילי. אונ אז דער מאן הייסט שמעריל, הייסט דאָס ווייב שמעריליכע. עס פֿארשטעהט זיך, אלץ דער מאן. נוא, זאָג שוין, וואָס איז אזוינס דיא מעשה?

אלכסנדר. מען וויל, בשעת דיא וויבאָרעס, מיך וועהלען דאָ פֿאר רב. אונ ווייסט-דוא וועמענס אויפֿטהוא דאָס איז? ר׳ יוחנצעס! ער האָט עס היינט געלאָזט זאָגען דעם טאטען מיינעם. וואָס זאָגסט-דוא דערצו, רייזילי?

רייזילי. אונ דוא, וואָס זאָגסט דערצו?

אלכסנדר. ס'איז דאָ צוזאָגען אזוי אונ אזוי. וויל מען, איז א רב עפּיס נישט אזא חשיבות. זאָג נאָר, איך בעט דיך, דוא קענסט פּנחס חאָרט, בעריל טאראַראָם, פֿייביל פֿאָנפֿע, חייקיל קאָבלעפֿעל אונ איציק פאלגע מיט דער גאנצער כנופיא?

רייזילי. אָ, זעהר גוט. זייא זענין שִכּוֹרים, אַרץ-פּיאַסקע-עזות-פּנימער, שקצים, אָנחאפּערס, וואָס אין דער קאָרט. נאָר צו-וואָס מישט-דוא זייא פּלוצלים דאָ אויף?

אלכסנדר. אָט ווער עס וועהלט געוועהנליך בייא אונז, יודען, אונ אונטער וועמען א רב איז אונטערוואָרפֿען!

רייזילי. נוא, אלכסנדר, אויב אזוי, רעדט-זשע גאָר נישט דער-פֿון. ס'איז דאָך נאָר א חרפּה.

אלכסנדר. וויל מען אָבער צוריק שמיעסין, קען א רב, אויב ער פֿערלאנגט נאָר, זעהר פֿיל ווירקען. בייא אונז יודען זענין דאָ גוּזְמָאוֹת

זאבֿען, וואָס מען בעדארף אונ וואָלט געקענט פֿארבעסערען. איך בערידם מיך נישט, רייזילי, אז איך בין א געלערענטער מיט אלע מעלות, נאָר איך האָב א יודיש הארץ. איך בין יונג, מיט פֿרישע קרעפֿטען אונ וויל מיט דעם גאנצען לעבען ארבייטען אונ ברייגגען עפּיס נוטצען.

ר י י ז י ל י. אצינד פֿארדינסט-דוא א הייסען קוש. (זיא קושט אלכסנדרין) דוא וועסט אין מיר האָבען א רביצין, וואָס וועט נישקשה פֿאר־דינען צוטראָגען דעם נאָמען . . .

א ל כ ס נ ד ר. היינט ווייטער, רייזילי, לאָמיר רעדען צווישין אונז וויא פּראָסטע בשר־ודם, גאנץ פּראקטיש. ליב, האָבען מיר זיך בײדע טאקי זעהר שטארק. אבער דיא בערעכֿענונג בעדארפֿען מיר דאָך האָבען אזוי: וויא לעבט מען נאָך דער חתונה? קעסט עסען, וויא א יודיש פֿאָר פֿאָלק, דאָס איז נישט גוט, נישט רעכֿט, נישט שיין, א דערנידריגונג פֿאר זיך אונ איין אומגליק פֿאר דיא קינדער אויף שפּעטער. לעבען-זשע פֿונם נדן, וואָס דיין טאטע גיט, עפּיס אויך נישט אזוי גוט... (ער לייגט ארויף דיא הענד אויף רייזילים אקסלען) וואָס קוקסט-דוא, רייזילי, מיך עפּיס אזוי שארף אָן? דיינע אויגען בליטצען וויא פֿלאם פֿייער.

ר י י ז י ל י. איך שעהם מיך, נאָר עס העלפֿט נישט... מען מוז מודה זיין, מיר, ווייבער, זענין שוואכֿער, ווייכֿער אונ נישט אזוי בערעכֿענט. בעהערשט אונז איינמאָל דאָס הארץ, הערשט עס שוין אָהן א שיעור אונ מיר לאָזען זיך פֿיהרען העט, העט. . . איך קען דער פּראקטיקע, דעם ריינעם אמת קאלט אין דיא אויגען אריין נישט קוקען אזוי וויא דוא.

א ל כ ס נ ד ר. אין דיינע רייד איז דאָ א שארף שטעכֿווערטיל, וואָס שטעכֿט מיך וויא מיט שפּילקעס. איך פֿארשטעה נישקשה וואָס דוא מיינסט. פֿארשטעה-זשע אויך וואָס איך האָב מיט מיינע פֿריהערדיגע רייד געמיינט. איך האָב עס געזאָגט אקעגען דעם, צובעווייזען דיר נאָר, אז דיא ראבינער-שטעלע, וועלכֿע ר׳ יוחנצע האָט פֿירגעליינט, איז אצינד פֿאר אונז וויא געווינשען... אַי, רייזילי, רייזילי נאָך ווייסט-דוא גישט וואָס פֿאר א שטארקע שליטה דוא האָסט איבער מיר! (ער נעהמט רייזילין ארום אונ בײדע שטעהען ארומגענומען א היבשע צייט שטיל. — דוואָסיע קומט פלוצלים אָן מיט א טישטוך אונ טעלער אין דיא הענד)

ד ו ו אָ ס י ע. דיא בעל-הביתטע האָט מיר געהייסען נרייטען צום טיש.

ר י י ז י ל י. (ארויסהאפּענדיג זיך פֿון אלכסנדרס הענד) שוין מיטאָג, אזוי פֿריה!

ד ו ו אָ ס י ע. א זאָג אביסיל, פֿריה! אייך פֿליהט דיא צייט אונ מיר דאכֿט זיך א שרעק וויא זיא קריכֿט. ר׳ אליקים חריק איז שוין געגאנגען מנחה דאווגען, טעמצעס קיה איז שוין נעקומען פֿונם פֿעלד, דיא הינגער

פאַדען זיך שוין זעטצען אויף דער 'סידעלע, ליפּשע שרייעט שוין: הייסע באבקעס יודעליך! אויפֿן פּריפּעטשיק איז שוין קיין פֿונק פֿייער נישטאָ אונ בייא לייטען טראַכט מען שוין ארום דער וועטשערע.

ר י י ז י ל י. שאַ, דוואָסיע, עפּיס האָט אין דיר זיך געעפֿענט א קואל רייד, דוא שיטסט וויא פֿון א זאַק. שאַ, לאָז זיין מיטאָג אונ לאָז מיך נעמאך! (זיא געהט מיט אלכסנדרין ארוים)

אכטע סצענע.

דוואָסיע אונ מענדיל.

ד וו אָ ס י ע. (אויסגעצוואָגען, פֿארקעהמט יום-טובדיג, אין א קליידעל מיט אלע מיני מאָדעס אין איינעס) אונ אז ס'איז אביסיל פֿריה, מה-רעש!... ווען אביסיל נישט דערקאָכט, עפּיס אויך נישט אזא אומגליק. איהר האָט ציין, וועט איינבייסען גישקשה... זייא מעגען אלסדינג. שטעהען זיך ביידע ארומגענומען, קאָשקען-זיך, ליובען-זיך, טשמאָק, טשמאָק! אונ דוא דוואָסיע היניע, טרעסנע, געה, שונא-ציון, אוים. בין אויך א מענש, אזוי שמייליג וויא איהר!... וויא דערלעב איך שוין פּטערען דעם שיינעם מיטאָג, פֿאר- שטאָפּען זייא דיא מיילער אונ בעצייטענס ארויסחאפּען זיך אהינצו... צו עלקין. אוי — זיסער גאָט לאָמיך שוין אויך עפּיס אויפֿגעריכט ווערען! (זיא קיקט זיך אָן אין שפּיגעל, טאפּט זיך בייא דיא האָר מיט א שמייכעלע) נישקשה, דוואָסיע איז נאָך קיין מעשה נישט אונ וועט אנדערע אין דיא פּאָטרעבעס פֿארשטעקען... איך וועל איהם געפֿעלען נישקשה, היינט בייא דער נאכט... מזל טוב! וועלען מאָרגען פֿריה, לעבין דער יאטקע, מיר עס זאָגען מיינע חברתעס, דוא ביסט למזל א כלה געוואָרען, אונ אליין בשעת מעשה האָבען דיא גאל. — א שיינעם דאנק וועל איך ענטפֿערען, מיט מזל זאָלט איהר לעבען! אונ דערבייא טראַכטען: פּגרט, ווערד צוזעטצט פֿאר קנאה. לאָז זיך יענער פוקען, עפּיס גאָר מחיה חלעבין. עס הייבען מיר זיך אוש דיא פּיסליך פֿאר פֿרייד. (זיא זינגט אונטער, אָנגעהמענדיג זיך ביים קליידעל אונ טאנצט אקעגען שפּיגעל, ווארפֿענדיג מיטן קאָפּ אין אלע זייטען)

אָבינו מלך,
ס'הארץ איז מיר פֿרעהליך,
פֿרעהליך וועלען מיר זיין,
טרינקען וועלען מיר וויין,
וויין וועלען מיר טרינקען,
קרעפּליך וועלען מיר עסען,

(האָ, וואָס געהט דאָרט נאָך, נאָבן עסען? יאָ, אזוי:)
און נאָך עפּיס נישט פֿאַרגעסען.

מענדיל. (קומט אריין, בלייבט שטעהן לעבין דער טהיר און פליעסקעט צו מיט א האוואיעלע) אזא מזל! אזא יאָהר! טאנץ דוואָסיעניו!...
אם-ירצה-השם אויף חתונות, אויף בריתין, מיט מיר און איינעם ביז הונדערט און צוואנציג יאָהר!

דוואָסיע. בעקום דיא גִבְהֶה, יִמַח-שמוניק איינער! אָט איז ער שוין דאָ, דאָס אָנשיקעניש. בראָש צאטעוועט ער מיך, געהט מיר נאָך אויף שרים און טרים וויא א קיה א קעלביל.

מענדיל. גראַפינע, פרינצעסין, רביצין, בת-מלכה! א צאָפּ נאָר א פורים-קוילישׁ. א פּאָר באקען נאָר א פֿארברוינטער עפּיל-קוגעל. געשמאק מחיָה, עס גלוסט זיך א ביס טאָן (ער טהוט זיך א לאָז) אָט וועל איך, דוואָסיעניו, דיך... אזש-נוא!...

דוואָסיע. (שוין ווייכֿער) נוא, גענוג, דוא אָנשטעלער, חֵן-מאכֿער! האָרך בעסער, איך האָב צו דיר א בקשה.

מענדיל. פון דיינעם-וועגען, דוואָסיעניו, אין פֿייער, אין וואסער!

דוואָסיע. א ברודער מיינער איז נעקומען צופֿאָהרען, איך בעדארף היינט ביא דער נאכֿט צו איהם געהן. פֿארשטעהסט דוא? און אפשר אויף לאנג. בעט איך דיך, מענדילי, צובלייבען אין שטוב און אָפּטאָן פֿאַר מיר אלע מלאכות.

מענדיל. (טהוט זיך א חאפּ און קראצט דעם קאָפּ) אַי-אַי-אַי! אָט האָסטו דיר שיינס, גראָד איז מיינע א שוועסטער אויך געקומען. דוא היינט בייא דער נאכֿט צום ברודער און איך צו דער שוועסטער! פֿאַר-שטעהסט דוא?

דוואָסיע. דיין שוועסטער וועט דער גוטער יאָהר נישט צונעהמען מאָרגען אויך. א ברודער איז עפּיס אנדערש. אָט איז ער דאָ, א מאנס-פּארשוין, און מאָרגען... וויים איך?

מענדיל. קלוג וויא דער טאָג!... אזוי דוואָסיעניו, בעט מיך, בעט.

דוואָסיע. מענדילי, סערדצע, ליובעניו, טאטעניו, נשמהניו!

מענדיל. ליובע, ליובע מיך, דוואָסיעניו. אָט אזוי פֿון היינט בייא דער נאכֿט ביז הונדערט און צוואנציג יאָהר! געה, דוואָסיעניו, צום ברודער. זייא רוהיג, איך וועל שוין טאָן, פֿון מיר וועט קיין מניעה נישט זיין.

דוואָסיע. עס וועט דיר, מענדילי, זיין אָפּגעגעבען ברויט... אָט העלף מיר טאקי גרייטען צום טיש. לאָמיר זייא שוין פֿארשטאָפּען דיא מיילער און וויסען דערנאָך פֿון א לעבען צוזאָגען. זיא זינגט אונטער „אבינו מלך" און געהט טאנצענדיג ארוים פֿון דער שטוב)

מענדיל. חאַ-חאַ-חאַ. „אוג וויסען דערנאָך, מאַכט זיא, פֿון א לעבען צוזאָגען". אָמן, דוואָסיעניו, אָמן! היינט בייא דער נאַכט, מירביידע דאָרט בייא עלקין...

צוויטער אקט.

א גאס. רעכטס דיא וואָאינסקי פּריסוטסטוואָ. רעדליך מענשען. וויבער חליפען ווײנען, מאנסבילין שמיעסין צווישין זיך, א טהייל פֿארייסען דיא קעפּ ארויף, שטעהן און קוקען. כמעט אלע מיט שטעקליך און איטליכער האלט דאָס שטעקיל אויף איין אנדער מאניר: בייא איינעם הייגט עס אויפֿן אָרם, ביים אנדערען אויפֿן אקסעל; דער דרעהט עס פֿון פֿאָרענט אין דער לופֿט, יענער האלט עס מיט ביידע הענט פֿון הינטען און שפּארט זיך דארויף אָן. לינקס שטעהט א קלייטעל מיט איין איבערגעצייגען דעכיל איבער דעם גאניקעל. נישט וויט דערבייא זיצט א חלפֿן לעבין א טישעל.

ערשטע סצענע.

א יודענע. (אויף א וויינענדיג קול וויא בייא תחינות לייענען) אוי, א לאָך אין הארצען!... מיין בערילע, אוי!... מיין בערילע אוי-אוי-אוי!

שמואליק (איין אלטער אויסגעדינטער ניקאָלאיעווסקער סאָלדאט נאָר הויט און ביין. אביסיל פֿארכוסעט. קריכט זיך דער יודענע נאָך מיט א לעכעלע פֿון א שִׁכּוֹר) מיין בערילע, בערילע!... טפֿוא, וויסניטרע, וויס-נאָפרע לַחַי עוֹלָמִים! אויך מיר א פּריָאם, א היינטיגמאָדישער פּריָאם! בערילע, שמערילע שפּאַצירין זיך אהינצו מיט דיא פֿיסעליך אליין... אוי, וואָלט איהר געוואוסט אין יענע יאָהרען „אליין!" ריקען זיך מיט דיא רגלים אליין... מיר, וויסניטרע וויסנאָפרע, זענין געגאנגען, הע-הע! מיט א גאנ-צער האָפטע אונטערפֿידרער, געפענטעט מיט בראסליעטען. א קאפעליע פֿון קיטען האָט צוגעצימבעלט זום-זים-זום, עס האָט געקלונגען דיא וועלט, גע-האט א פנים מראה כהן. און פֿאר דער חתונה איז געווען א לאנגער, א ברייטער פֿאָרשפיל מיט כּבוד. חדשים לאנג איז מען אוועקגעזעסען וויא דיא געגז אין שטייג פֿארשפארט. אָט וואָס האָט געהייסען א פּריָאם בגעלע בגרינע בשמחה רבה ואָמרו כלם!

חינקע. (וויינענדיג אויף א קוויטשיג קולכין מיט א ניגון) וועה איז מיר, ווינד איז מיר, חאסקיל מיינער, א טאטע נעביך פֿון קליינע קינדער!

שמואליק (קוקט זיא שארף אָן שאָקלענדיג מיט דעם קאָפּ) פישש, האָט זיך צויאחמערט! א טאטע נעביך פֿון קליינע קינדער!... און קליינע

קינדער נעביך פֿון א טאטען, וויסנישרע וויסנאָפּרע, אָט וואָס אין מיינע ציימען! בעהעלפֿערם אווינע מיט מעשענע קנעפּליך האָבען זייא אויף דיא פלייצעס נעטראָגען. עזור דלים הושיעה-נא! מארש צאן קדשים, מארש אהין, אוש וואו דער שווארצער פֿעפֿער וואקסט דאָרט ערגיץ און געפּאסעט חזירים, געפּעבֿנעט פֿאר הונגער, געחאפּט א שמיטציל. קליינינטשקע גרעסערע אביסיל יַעֲמֹד עִם כָּל-הַנְּעָרִים!

הערשעלי (א יונגער סאָלדאטיל. מיט נוטען צו שמואליקין) אלטע מעשיות, זיידע! גענוג, מען האָט שוין געהערט זיידע, אלטע מעשיות! —

שמואליק (נעהמט זיך אין דיא זייטען אויסציהענדיג זיך גלייך וויא א סטרינקע און טהוט א פֿייף)

אלטע מַצֵּבוֹת פֿון פֿארצייטען!

סמירנאָ! ווייסט איהר וואָס זייא בעטייטען?

זאָגט יזכור און סמירנא!... טפֿוא, א סאָלדאטיקעל, א היינטיג-מאָדיש סאָלדאטיקעל! א צוציקעל מיט קליינע וואנטשעליך, נעבֿטען ערשט אָנגעהויבען צודינען און איבערמאָרגען שוין פֿארטיג, זיך אויסגעדינט. אָב הרחמים! דווארצאט פיאט ליעט סלוזשיל באָגו אי צאריו און געגעסען בערע-זעווע קאשע. פֿיט, פֿיט, פֿיט!... סמירנאָ, מיינע וואָנטשעס זענין גרעסער פֿון דיר אין נאנצען. האָסט נישט אזויפֿיל האָר אין קאָפּ וויפֿיל עס ליגט אין זייא חָלָבדיגע לעבֿט מיט סאזשע. (אָנגעהמענדיג זיך מיט ביידע הענט ביא דיא וואָנטשעס) אויף א סמאָטרע, או-אוך! איז געווען א מורא אָנקוקען אונזערע וואָנטשועס, אָנגעשמירט און פֿארדרעהט אָגיל ואָשמח מיט לאנגע און דינע שפיטצען. — מאָלאָדעץ שמואל! האָט דער קאָמאנדיר א זאָג גע-טאָן און בשעת מעשה מיר דערלאנגט, נלאט אזוי פֿון פֿרעהליכֿקייט וועגען, טראַך, טראַך אונטער דער מאָרדע. — ראַד סטאַראַטסיאַ וואַשע ב-ראָדיע! האָב איך געענטפֿערט און אראָפּגעשלונגען א צאָהן בשמחה רבה ואָמרו כלם!

הערשעלי. א היים, זיידע, זיך אביסיל צולייגען! ווען נישט, געה איך און שיק גיסיען, מיין ניסיען. ניסיע נעביך מוז שוין אוודאי איבערטראכֿטען, וואָס דוא ביסט אזוי לאנג נישטאָ. קום, זאָג איך דיר, קום!

שמואליק. זאָגט יִזְכֹּור, און פאחאָד דעם אלטען זיידען!... (ער צמאָקעט מיט דיא ליפּען) צו-צוציקעל, ער מושטירט! — א היינטיגער מושטיר, משטעהנעס געזאָגט, א שפּרינגען, א דראפּען זיך אויף דיא גלייכֿע וועגט, האלטען ביקסליך און שיסען, שיסען... הייא סליש! קענסט-דוא אין פֿאר חַתְמעטע ארום-און-ארום תַּחְתּוֹנִים מיט א היטעל וויא א בלינע אויפֿן שפיטץ קאָפּ זיך אויסשטרעקען וויא א דרענגיל א לאנגע צייט אויף איין אָרט? און אויף איין פֿוס קענסט-דוא אוועקשטעהן א שעה, אָט אזוי, אזוי

(ער הייבט אויף א פֿוס און ציהעט זיך אויס גלייך) ראַ-אַ-אַ-אַז (גיט זיך א פאטש הינטען און מאַכֿט אראָפּלאָזענדיג דעם פֿוס) פֿיט! ... (ער פֿאלט שיער אנידער, הערשעלי חאפט איהם אונטערן אָרם און פֿיהרט איהם אוועק).

חינקע (ווייזט זיך אויף דער נאס שוין אויף איין אנדער אָרט, חליפעט און ווישט מיטן פֿארטוך דיא אויגען) וואָס וועל איך נעביך טאָן א לעבעדיגע אלמנה? רבוני של עולם! וויא קענסט-דוא עס צוזעהן אזא וועטהיג, אזא בושה? האָט מען עס א מאָל געהערט, געזעהען, אז אזא חאסקילי פֿון אזא משפחה זאָל זיך געהן שטעלען פֿאר א סאָלדאט! ... אליין איז ער נעביך צובראָכֿען, דאַר וויא א חאָרט און זעהט אויס וויא א טויטער.

א יוד (לעבין א רעדיל מענשען) חאסקיל האָט אקעגען א האלב יאָהר פֿריהער פֿארן פריזיוו אָנגעהויבען צופֿאסטען הַפְסָקוֹת און איז נעביך אראָפּ פֿון לייב ... דאָך האָט ער זיינס נישט געשיינקט און חינקע האָט היינטיגס יאָהר אם-ירצה-השם ווייטער א קינד.

חינקע. אזא וועטהיג, אזא בושה!

ר׳ יוחנצע (צוקומענדיג צו חינקין) שא, טיפשאָ איינע, שא! וואָס זאָל מען טאָן, אז מען איז בעוונותינו הרבים אין גלות.

חינקע. אבער געוואלד רבוני של עולם! וויא קענסט-דוא אזוינס צוזעהן, אזעלכֿס צולאָזען? ס׳איז שוין טאקי נאָר איין עק פֿון דער וועלט ... שווער, וואו זענין דיא נגידים, אייערע נגידים? עפּיס זענט איהר דאָך מיט זייא אין איינעם א טהוער, א גאנצער מאכֿער אין שטאָדט-זאכֿען. זייא זאָלען וועלען וואָלט גזֵר אנדערש געווען. מיינע צרות אויף זייא!

ר׳ יוחנצע. שאַ, זאָג איך דיר טיפשא, נישקשה! אזוי גראָב-מיאוס איז נאָך דיא וועלט נישט פֿארדאָרבען געוואָרען. ר׳ יוחנצע דעם רב׳ס זוהן וועט מען נאָך אזוי גיך אין געוואנד נישט ארייִנשטעקען. יודען נישקשה בלייבען יודען ... (אָנבייגענדיג זיך צו חינקין) מיינע נגידים נישקשה ארביי-טען אין דעם עסק. גלויב מיר, ס׳איז רעכֿט נישקשה! ... (ער טהוט זיך פלוצלים א חאפּ) שאַ, אָט איז, דאכֿט זיך, דאָרט חאסקילי אליין!

צווייטע סצענע.

חַאסְקִיל לויפֿט פֿון דער פריסוטסטוואָ ארויס מיט אימפעט. חִינְקֶע און ר׳ יוֹחָנְצֶע לאָזען זיך צו איהם נעשווינד העגדום-פּעגדום.

חאסקיל (סאָפּעט, האלטענדיג זיך ביים הארצען, און קען נישט חאפען דעם אָטהעם) הוא-אוי, אוי, אוי! . . .

חינקע (אויף א קווימש) א דונער האָט מיך דערשלאָגען! ... דאָס איז דער גוטער אוי, דאָס גוטע אויעלי!

ר' יוחנצע (צמאָקעט מיט דיא ליפען און מאַכט מיט דיא הענט שטארק פֿארוואונדערט) נוא-נוא-נוא! היִתּבן, האָ?

חאסקיל (בלינצילט מיט דיא איינעליך, סאָפעט וויא א גאנז און לאָזט קיין אַרויס זיפֿצען) אוף . . . בוף . . . אוף . . .

חינקע (ברעכֿט דיא הענט) אוף, וועה איז מיר! בוף, ווינד איז מיר! דאס גוטע זיפֿצעלע . . . (צו ר' יוחנצען) אָט האט איהר אייך פֿאר אייער מיה, אלץ אין מצוה-זאכֿען, אין שטאָדט-זאכֿען!

איינער פֿונם עולם (אין דער זייט) מאָהלט אייך צו מצוה-זאכֿען ליינט ר' יוחנצע קיינמאל נישט צו. הערט בעסער וואס איך וועל אייך זאגען: איז חאסקילי צוגענומען געוואָרען איז איין עק מיט דעם נאבאָר. (צו איינעם לעבין איהם) מזל טוב, ר' זלמן! איהר מעגט זיך שוין פֿרייען, אייער בן-יחיד איז פֿרייא.

חאסקיל. טאָ-טאָ-טאָ . . . טאטע!

חינקע (אויף א קווימש צו ר' יוחנצען) אוי טאטע פֿאטער, פֿאר-חאפט זאָלען זייא אייך ווערען אייערע פֿיינע לייט! רבוני של עולם, אין דער ערד מיטן קאָפּ אלע אייערע נגידים'ליך! גלויבט דייא פֿון היינט אָן וויא דעם הונט.

ר' יוחנצע. שאָ טיפשא; לאָז מען הערען א וואָרט. חאסקילי וויל עפּיס זאגען.

חאסקיל. טאטע . . . אבגעלאָזט!

ר' יוחנצע (פֿארגלאָצט דיא אויגען) געלויבט השם-יתברך! — נוא, חינקע, וואס האב איך געזאגט? דוא מיינסט טיפשא, ס'איז הפקר א וועלט? גלאט מען נעמט און גיט אָפּ! . . .

חינקע (פֿרעהליך) דא האבען זיך טאקי נאר געמיהט זכות אבות, זכות אבות.

חאסקיל (א מאך מיטן גראָבען פֿינגער) דוא מיינסט, טאטע, מען האָט מיך פשוטו-כּמַשמעו אָפּגעלאָזט? גלאט אזוי זיך גענומען און מיך אָפּ-געלאָזט! ניין . . .

חינקע (פֿארווארפֿט מיטן קאָפּ און ברעכֿט דיא הענט) איך חאלעש, איך בין פֿארבייא!

ר' יוחנצע. א פירוש חאסקילי, א פירוש!

חאסקיל (מיט א גמרא-נינון) ניין! ... דוא מיינסט מען האָט גע-זאָגט גלאט: געה דיר, מיינסט-דוא? ניין, דאָס איז דאָך נישט קיין רבותא. וואס-זשע וואָלט מען מיך דאָ געלאָזט הערען? א פאָר דאַ־טן האָט מען

טאקי געזאָגט: געהם אייך. דאָס איז אָבער נאָר געווען על-מנת להחזיר. טאקי תוך-כדי-דבור האָט מען זייא צוריק גערופען. איינעם האָט מען אָהן שיהות טאקי אָפּגעגעבען אונ דעם אנדערען געהייסען געהען מחילה אין ספיטאָל, וויא הייסט עס בייא זייא דאָרט אויף זייער שיינעם לשון, עפּיס אויף ספּיטאניע. מילא איז דאָך „געה דיר" דאָרט עפּיס נישט אזא חשיבות, אז דערנאָך זאָל נישט זיין דערצו קיין פּתח-חרטה. אָלא וואָס דען-זשע? ניין, מען בעדאַרף הערען דעם שפּיטץ.

ר׳ יוחנצע (מיט חתקן אין איין קול) גיכער, גיכער, חאסקילי, ציה נישט בייא דער נשמה!

חאסקיל. דיא גאנצע רבותא ליגט אין דעם שפּיטץ. ער האָט געזאָגט, יענער אָדון, מיט דיא עפּאָלעטין דאָרט, האָט געזאָגט... לאָמיך נישט זאָגען קיין ליגען. ניין, נישט געזאָגט, נישט געזאָגט... א געשרייא האָט ער געטאָן. הא?! ניין, ניין... א שפּייא געטאָן, ער האָט פֿריהער א שפּייא געטאָן.

ר׳ יוחנצע. למאי נפקא מיניה אזוי צו אזוי? עפּיס א גבֿיות עדות! דאָ געהט דאָך נישט אין דעם געשרייא, אין דעם שפּייא. — אין תוך אריין, חאסקיל, אין תוך אריין!

חאסקיל. ניין, לאָז זיך דינען, ס׳איז א גרויסע נפקא מיניה, מען בעדאַרף עס האָבען צום פּשטיל. דרינען ליגט דער גאנצער קוועטש, דאָס גאנצע בעוואָהרעניש. יאָ, טאקי אזוי, פֿריהער א שפּייא אונ דערנאָך א געשרייא. ער האָט אויף יוונית א היק געטאָן: פּאשאָל וואָן זשיד פּארחאטי! דער פּשט דערפֿון איז נישט גלאט, געה דיר! עס זאָל גאך א סברא זיין דיך ווידער צו רופֿען, אָלא וויא דען זשע, פּאשאָל וואָן אויף לעולם ועד, געה אויף דער רעה, אז אייביג זאָל מען דיין פּרצוף-פּנים מעהר נישט אָנקוקען!... „זשיד פּארחאטי!" הייסט אזויפֿיל, אז אלע דאָרט זענין מודה, איך טויג לחלוטין נישט אונ האלטען גאָך פֿאַר א טרפה׳ן גליק, וואָס זייא זענין מיינער פּטור געוואָרען. אָט וואָס הייסט אָפּלאָזען, מיט א קוועטש, מחיה נפשות! בייא זייא להבדיל מעגען אפֿשר אזעלכֿע דבורים גאָר זיין עפּיס נישט אזעלכֿע שיינע, נאָר פֿון וועמען, משטעהנעס געזאָגט, מען האָט זיך דאָ צובעליידיגען?!... אדרבה, גאנץ גוט, מחיה, ס׳איז דאָך אויסגעקומען מיטן קנאק.

ר׳ יוחנצע. אָבי חאסקילי דוא ביסט אויף דעם עולם, אין א גוטער מזלדיגער שעה! א-פּנים עס האָט גאָר געקענט זיין חלילה אנדערש?! עפּיס שפּילט מען זיך מיט צדדים, מיט מיינע זכות אבות!... אונ דיא טיפּשאָ דיינע האָט שוין פֿארלוירען דעם בטחון, געמיינט: עט-שמעט הפקר א וועלט...

חינקע (אויפהייבענדיג ביידע הענט אין דער הויך) א שַבת צו דעם, וואָס איך האב דיא הענט ניט געוואשען! א געפּונענער חאסקילי, א געפונענער! גומל בעדארפסט-דוא, חאסקילי, בענשען, וואס דוא ביסט אויסגעקומען, ארויס פון זייערע הענט . . .

חאסקיל. חינקע, דוא האָסט געמוזט סלוקערצין. מען האָט דיך דאָרט דערמאָנט. ביים באדקעווען מיך און בעקוקען פון אויבען ביז אראָפּ האט איינער מיט א שטייכעלע מיך א פרעג געטאָן, אויב איך האָב א ווייב? — פּע, עפּים אזעלכע נארישקייטען! נאר מילא, גוא — איך האָב, זאָג איך, א ווייב, וויא דער אמת איז, און קינדערליך. דיא זאך א-פנים איז איטליכען דאָרט געפעלען, ווארים אלע האָבען קוקענדיג אויף מיר עפּים געלאכט און אויסגעלאָזט צום סוף כהאַי לִישָנא: האָ-אָ, מאָלאָדעץ! געה צום ווייב און גלייך דיר אביסיל אוים דיא ביינער. — פּע, עפּים אזוי משונה גראָב. . . זייער באבעם עסק! — עס חאלעשט מיר בעסער דאָס הארץ. קום א היים. עסען! אויף וואָס דיא וועלט שטעהט עסען. שוין צייט, דאכט זיך, מיר צו עסען ... אַי, וויל איך עסען! (ער וויל געהן און קען נישט פלאָנטען מיט דיא פיס)

חינקע (מיט א זיפץ) א ריהרען זיך אביסיל! א קאטאָוועס אזא צייט זיך פיינינגען! ... בלייב, חאסקיל, דאָ מיט דעם טאטען און איך וועל א שפרינג טאָן ברייגנען א וועגעלע. (זיא פארשווינדט גיך).

דריטע סצענע.

ר׳ יוחָנְצֶע און חַאסְקִיל שטעהן לעבין עולם אין דער זייט.
אַלֶכְּסַנְדֶר געהט פון דער פריסוטסטווא ארויס פארטראַכט.
זַלְמָן און זֶעלְדֶע לויפען איהם אקעגען. שְמוּאֵלִיק.

זעלדע (אין איין אָטהעם) אבי דוא ביסט שוין דאָ, אלכסנדר! אין א גוטער מולדינגער שעה. איך זאָל דיך שוין זוכה זיין פיהרען אונטער דער חופה. הא? דוא שווייגסט! ... וואָס שווייגסט-דוא אלכסנדר? דאס בעטייט עפּים נישט קיין גוטס בעטייט עס. וועה איז מיר, זאָג גיכער, זאָג, וואָרים...

זלמן. וואס איז אלץ אין איין אָטהעם? האָב אביסיל צייט, זעלדע!

זעלדע. ניין, ער שווייגט! דאס איז נישט קיין גוטער סימן. אלכסנדר, סערדצע, דוא ביסט בלייך!

אלכסנדר. מאמע, איך בעט דיך! . . .

זעלדע. איך זעה שוין, זעה, פינצטער איז מיר! . . . זלמן, מיר

האבען געפֿידעט אנזער איינציגען זוהן צו דער עקֵדה! (זיא לאָזט ארויס א קלאָנג).

זלמן. איהם מקריב צו זין אָנשטאָט א באראן (ער טיים אקעגען מיט א פֿינגער) אָנשטאָט א האסקילין! א יאָ, מיין זוהן, דוא ביסט א קרבן?!

אלכסנדר. צו-וואָס, טאטע, אזעלכֿע שרעקליכֿע ווערטער? שא, א רחמנות נעביך אויף דער מאמען!

זעלדע (ברעכֿט דיא הענט) א וועטהיג איז דער מאמען!... פֿינצטער איז דער כלה!... זיא וועט עס היינט בעקומען דיא וויסטע, פֿינצטערע בשורה.

אלכסנדר (האפענדיג זיך ביים הארצען פֿארציטערט) אף, בערוהיג דיך אביסיל, מאמע! שפאר זיך אויף מיר אָן אונ שטעה א ווײלע ביז דוא ווערסט צו זיך קומען. (ער נעהמט זיא אונטערן אָרם. צווישן דעם עולם הערט זיך א געוויש. שמואליק וויזט זיך ווידער, שטארק פֿארכּוסעט, דאָס היטעל אויף דער זייט)

שמואליק. סמידנאָ, וויסניטרע, וויסנאָפרע לחי עולמים! נאָך שחרית נעדיט מוסף אונ צווישען, א כּוס, א קידוש מיט טרעהרען לכבוד דעם היינטיגען יום הדין.

זעלדע (מיט א געוויין אָנשפארענדיג זיך אויף אלכסנדרין) אך, וויא גליקליך מיר זענין ערשט נישט לאנג אלע געווען!...

שמואליק (פֿייפֿט אונ זינגט מיט איין אומטיג ניגונדיל)

אויף א ביימיל, אין א נעסט,
זיטצען טויבען צופֿרידען,
זיטצען, פּיקען, עסען קעסט,
פֿיהרען דאָרטען אויס פלידען.
טראַלאַלאַ, טרילילי,
ראַז, דוואַ, טרי!

זלמן (אָנווייזענדיג דעם עולם אויף ר' יוהנצין אונ האסקילין) אָט זענין דיא זיילען פֿון דעם יודישען גלות!... אָט פֿון וואגען עס נעהמען זיך אונזערע אלע צרות, מכות, לייד אונ פורעניות! איין עולם יודען האָרעוועט, דארבט, ווערד פֿארשווארצט אונ בעדארף איסהאלטען פֿולע מיוחסים, בטלנים, צוויאָקעס, וואנצען, כּנים, וואס קריכֿען, בייסען, שטינקען אונ פֿרעסען. קארג וואס אזעלכֿע ניט מען אוועק דעם לעצטען ביסען ברייננט מען נאָך זייא קרבנות — קינדער, בני-יחידים!

שמואליק. פּיטום הקטורת, שטאָפט קעלבער יודישע קינדער! פּיטום הקטורת נפשות צו דער עבודה זרה, נפשות צו דיא ר' געצעליך!

בייא איטליבֿען געצעלע איז בָּנִים א זעטצעלע און איטליבֿער שמייליגער ר׳ נעמץ האט געשלאָגען כפרות מיט א קליין יתום׳ל, מיט איין אָרם, בידנע קינד. וְנִסְכֵּיהֶם כַּמְדֻבָּר, דרייא איימער טרערדען פֿון איין אָרמער מאמע, א ווייסער אלמנה! . . .

זלמן (אלץ אָנווייזענדיג אויף דיא פֿריהערדיגע) קעמץ מיט סאמע-טענע לאפקעליך און שארפֿע שפיטציבֿדיגע נענעל! און אזעלבֿע ריידען פֿון גאָט, פֿון יודישקייט, פֿון פֿרומקייט, עהרליבֿקייט און רחמנות! . . .

איינער פֿונם עולם. מען וויל רחמנות פֿון אנדערע אז בייא אונז אליין איז איינער אויפֿן אנדערען נישטאָ קיין רחמנות. מטופלם מיט קינדער מהוען אלע מיטעל זיך אויסצודרעהען, נישט קוקענדיג דארויף אז דערמיט קיילען זייא אנדערע.

א יודענע. נעקיילעט זאָלען זייא ווערען אָהן א מעסער ווי זייא האָבען מיך פֿאר א-יאָהרען געקיילעט! מיט פֿיל מיה און גרויסע צדות האָב איך אויסגעהאָדעוועט מיין קינד, מיין איין איינציג קינד, מיין טרייסט און מיין לעבען. פלוצלים גיט מען איהם א ריס מיר אוים דעם הארצען... איך יאָמער און קלאָג ביז אצינד. אוי, יודישע קינדער! אזא ווערהטיג, וואָס א בהמה אפילו קען עס נישט אויסהאלטען, רעוועט שרייעט נאָך איהר קינד, אז א שטיין קען צוגאָסען ווערען.

זעלדע (אויף א ביטער קול) איין אות אין קאָפּ, און דאָס איינציגע האָט מען צוגענומען!

שמואליק (קרימט זיך נאָך) פלאנבֿעט! ... א קאטאָוועס איין אויג אין קאָפּ! מיר האָבען שון געזעהען אי ביידע אויגען — זיבען קינדער בייא א מאמע צונעהמען. שבעה אני יודע, שבעה כוסות כבמחזה! (ער פייפֿט צו און זינגט)

> דראפעט צווישן טאָג און נאַכֿט
> שטיל א קעטציל זיך ארויף,
> צו דיא טייבליך מיאוי געמאַבֿט.
> טשיק-טשיק, חאפ-לאפ, פֿרעסט זייא אויף.
> טראַלאַלאַ, טרילילי,
> ראַז, דוואַ, טרי!

זלמן. שיינע נפֿשות, וואס ציטערן נאר פֿאר זייער הייטיל! אַבי זייער נֶפֶשיל מעג פֿון זייערט וועגען כל-ישראל אפילו דיא כפרה ווערען. און אזעלבֿע הייסען נאך רחמנים בני רחמנים, אוהבי ישראל! און אויף אזעלבֿע עפֿענט זיך נאָך שונאים א מויל צוזאָגען, אז אלע זענען מיר איין קָהָל, יד אחת... אוי אונזערע ר׳ יותנצעס, אונזערע פֿידרער, אונזערע תכלית-פֿאר-זאָרגער און דאָס גאַנצע יודישע רחמנות!

חאסקיל (טאָרעט ר' יוחנצען) קום טאַטע! תנקע האט שוין גע-בראַכט א וועגעלע. דנא הערסט וואס ער רעדט?

ר' יוחנצע (טאַכט מיט א פינגער אוג רעדט צוציינגען) הער האָרכט אזא מענשיל, אזא אפיקורוס! יודען האָבען שוין געגוג אזעלכע איבערגעהאט אוג זייא אלע געהערט וויא גאָר נישט. (ביים אװעקגעהען מיט חאסקילין צום עולם) פאלט פון דעסטוועגען בייא איך נישט אראָפּ. יודען נישקשה בלייבען יודען. . .

שמואליק. חי וקים, שרייעט חי וקים, יודישע קינדער!

זלמן (מיט א זיפץ) יאָ, יודען בלייבען טאקי יודען ... בייא אזעלכע אין גלות. — — (צו אלכסנדרין אוג זעלדען) קומט! דיא זאך איז נאָך נישט פארלוירען, נישקשה. אלסרינג װעל איך דערווייזען אוג חאסקילי װעט גֿעהען א גאנג אוג שמעקען פולווער. . . שא, זעלדע, נישקשה חלעבין! גלויב מיר, װעסט עס אין פריידען דערצעהלען גיך אוג באלד בייא דיין זוהן צו דער חופה. קומט א היים!

זעלדע (אוועקגעהענדיג מיט אלכסנדרין) אוי, חָרֵב װיסט איז מיין היים.

שמואליק (שאָקעלט מיטן קאָפּ, טהוט א פייף אוג זינגט טרויעריג)

נישטאָ אין נעסט קיין טייבליך מעהר,
נישטאָ מעהר דאָרט קיין פרידען,
צולעבען איז דיא אלטע שווער
אליין אָהן זיי'רע פלידען.
טראַלאַלאַ, טרילילי,
ראַז, דוואַ, טרי!

שרייעט חיי וקים. געשטאַיע איך פארפול, יודישע קינדער!. . . (דרעהט זיך איבער אויף א פוס אוג געהט, מאַכענדיג דערבייא ראז דווא, טרי. דער עולם צוגעהט זיך אין פארשידענע זייטען).

~~~~~~~~~~

פערטע סצענע.

איציק דער קרעמער שטעהט בייא דער טהיר פונם קלייטעל.
ר' אֱלִיָּה זיטצט אויפן גאניקעל, אויף א ביינקעל מיטן פָּנים
צו דער גאס. לִיפָּע דער חַלְפָן זיטצט לעבין טישיל.

איציק (שאָקעלט מיטן קאָפּ שארף אָנקוקענדיג ר' אליהן אוג נִיט א מאך מיט דער האנד) ער רעדט עפּיס אזוינס, אז מען קען אויסגעהן הערעג-
~~~~~~~~~~

דינ! גלאט מען נעהמט דעם תוגר אונ ווארפט איהם ארויס אויף א שפעג-דיל! אונ ענגלאנד, וואו איז ענגלאנד? איהר שפילט זיך עפיס מיט ענגלאנד!

ר׳ אליה. אונ וואו איז קירה? דוא שפילסט זיך, איציק, עפיס מיט קירה!

איציק (טהוט בייז א שמייכעל) קירה מאך!

ר׳ אליה (ווערד אונטערגעטראגען) הערסט-דוא, איציק, דיין וויק-טאריע איז א יודענע מיט א יאמפערקע!

איציק (הייבט אויף דעם פוס אונ קלאפט מיט א פינגער אויפן קנאפעל) וואס בייא דער יודענע מיט דער יאמפערקע ליגט אין קנאפעל האט עס אייער קירה נישט אין קאפ. קירה מאכט געוועהנטליך נאר פוילע תנועות. הדעהט זיך, הדעהט זיך אין ראסיל... אונ שטעהט תמיד אויף איין ארט.

ר׳ אליה. תרבית! איך קען בעסער קירה וויא דוא (נעהמענדיג זיך ביים בערדיל) איך בין ברוך-השם אין מיין לעבען, וויא דוא קוקסט מיך אן, שוין צווייא מאל געוועזן אין בראד אונ איינמאל אויש אין לעמבערג. פאר-שטעהסט-דוא מיך? אין לעמבערג!... מען בעדארף קענען יענץ לעבען. טע-טע-טעט! ס׳איז נאר עפיס אנדערש. וואס בעדארף מען מעהר, למשל אביסיל בראנפין, ס׳איז נאר איין אנדער ביסיל בראנפין. בייא אונז איז בראנפין — בראנפין. קירה׳ס אביסיל בראנפין איז אביסיל בראנפין טאקי וואס אביסיל בראנפין הייסט, מען פיהלט, אז מען נעהמט אביסיל בראנפין, עד היום ליגט מיר אין טעם קירה׳ס אביסיל בראנפין.

איציק (פארקרימט זיך) פישששש! אונ פאנש איז חלעבין נאר שלעכט, פאנש מיט ענגלאנדס אביסיל ראם. קירה, זאג איך אייך בפירוש נאך א מאל, דרעהט זיך אונ שטעהט אלץ טאקי אויף איין ארט. ער האפט נאר בייא דיא מַלְכִיּוֹת שִׁירַיִים וויא א מְקַבֵּל.

ר׳ אליה. (שטארק אויפגעבראכט) דער תוגר איז א קבצן!

ליפע (דרעהט אוים דעם קאפ צום גאניקעל) וואו איז, ר׳ אליה, דיא פערציג קאפיקעס, וואס איהר האט בייא מיר גענומען א גמילות חסד אויף שבת?

ר׳ אליה. הרגעט מיך פאר א גראשען. נישטא אצינד, נישט פאר אייך געדאכט, בייא מיר קיין פרוטה. אח-חא-חא! שלעכטע צייטען. — (צו איציקין) יא, איציק, זאלסט-דוא טאקי וויסען, דער תוגר איז א קבצן!

ליפע. נעהמט נישט פאר אומנות, ר׳ אליה. מילא דער תוגר איז א קבצן גאנץ רעכט, איז ער זיך א קבצן, לאז ער זיך זארגען אליין פאר זיך. אבער איהר, ר׳ אליה, פאר וואס זאלט איהר ארום אייך עפיס נישט טראכטען? איהר זיצט דאך נעביך אהן פרנסה אונ האט נישט א טאג מיט

וואָס איבערצוקומען. איך בעט איך, פֿאַר וואס זאל אייער שמחה מאַר-יאשעס, א שטיינער, נישט לאָזען אזא יודען וויא איהר, דרעהען זיך ארום איהם אין דער טאקסע? למאי פֿופֿציג אנדערע, וואס דרעהען זיך דאָרט ארום. ווייס איך וואס זייא טהוען? זייא קוקען דרעהען-זיך, מאַכֿען באָם, לאָז אזא ר׳ אָליה זיך אויך דרעהען, קוקען, הא!

ר׳ אליה (גיט א מאך מיט דער האנד) עס... דברים בטלים. לאז נאר זיין מלחמה וועל איך מיט גאָטס כח מיך אוועקלאָזען איף דער מלחמה. נישקשה... (צו איציקין) דער שפיטץ איז, איך וועט מיך אין וויפֿיל מען וויל קוואָרט משקה, אז עס וועט זיין וויא איך זאָג.

איציק. במזומנים, ר׳ אָליה! איך לייג אויך איין אקענען, אז זיין וועט וויא איך זאָג.

(פֿייבוש קומט צו צום קליישעל, דאס היטעל איז איהם פֿאַדיסען אויפֿן שפיטץ קאָפּ אונ דאס שטעקיל היינגט איהם אויפֿן אָרם).

~~~~~~~~

פינפטע סצענע.

דיא פְרִיהֶעֶרְדִיגֶע אונ פַייבוּש גאָטסוואונדער.

פֿייבוש. א גאָט העלף, יודען! פֿון וואָס שמועסין עס יודען?

ליפע. גוט, חלעבין, וואָס איהר האָט זיך דאָ אינטערגעהאפט, ר׳ פֿייבוש! זייא האמפערען זיך דאָ שוין אוודאי א קענען א שעה, אלץ וועגען דער מלחמה מיט דעם טערק, אויך וועגען דיא קומפאניעס פֿון דיא קיסריות, אונ קענען זיך בשום אופן נישט אויסגלייכֿען.

פֿייבוש, למאַי נפקא מיניה? מסתמא וועלען דאָך יודען נישט משוגע זיין, רעדען איבער איין ענין, אין וועלכֿען עס זאָל נישט ליגען עפים א שטיקעל כַּוָונה.

ליפע. א, קרעפליך זאָלט איהר, ר׳ פֿייבוש, עסען! איהר געדענקט טאקי איף א דרך. אָנגעהויבען האָט זיך עס פֿון שמחה מאָריאשעס חתן, וואָס איז היינט צוגענומען געוואָרען אין דער דינסט. ר׳ אָליה זאָגט, אז מוז ווערען אויס שידוך. ער זאָגט עס נאָך מיט א קוועטש פֿון דער פּאָלי-טיקע, מיט זיין קיימאַ-לָן, אז מלחמה מיט דעם טערק מוז זיין אונ טאקי בקיב, אין א ניכֿער צייט זיין. (צו ר׳ אָליהן) פֿיהרט, זייט מוחל, אליין אויס אייער געדראנג, בייא אייך וועט עס אויסקומען שפיטציכֿדינער. זאָגט, ר׳ אָליה, זאָגט!

ר׳ אָליה. ממילא וועט דאָך שמחה׳ס חתן אין דער מלחמה אריין מחויב זיין צוגעהן. וואָרום אויך דיא אייגענע מעשה, ביסט-דוא א זעלנער
~~~~~~~~

שמעק-ושע פולוועד, און וויא באלד פולוועד! איז שוין נאָר אנדערע דינים... נמצא וועט שמחה לכל-הדעות האָבען א מָגן איפֿן שידוך חרמה צוהאָבען. אָט וואָס איך זאָג. אַי איציק זאָגט נאָר קאַפּויר? נוא, בע... איציק ווייסט נישט מאַי דקאָמרי רביצין!

איציק. און ר׳ אֶליה אין איינעם מיט זיין קירה ווייסט נישט מאַי דקאָמרי אַחַשְׁתְּרָנִים! (ער גערט אריין אין קליטעל).

ליפע. היינט פֿארשטעהט איהר שוין ר׳ פֿייבוש? און פֿון דער מחלוקת איבער דער מלחמה איז נולד געוואָרען דער סַכְּנוּך וועגען דיא צדדים פֿון דיא קסריות, ווער מיט וועמען וועט האלטען. היינט יְלַמְדֵנוּ ר׳ פֿייבוש אייער הַסְבָּרָא, עפים זענט איהר דאָך א לאנד-שדכן.

פֿייבוש (רייבענדיג דאָס בערדיל מיט א קנייטשיל) על-פי סברא איז מאקי אזוי... אדרבה, הא? (ער טייט מיט א פֿינגער אויפֿן שטערען) איז דאָך מאקי עפים א פלאן. יאָ, אַי וואָס?...

ליפע. איך וויים פֿון א זיכער אָרט, אז מלחמה וועט געווים זיין. אין פריקאז האָב איך א בעקאנט שרייבעריל האָט ער אליין מיר עס נעזאָגט יאַקבַּי א יודישע נייא-צייטונג — מַשָּׂא! וויא הֵייכט זיא דאָרט? — שרייבט אויך אזוי פֿון א זיכער אָרט... הערשעלי דער סאָלדאט האָט מיר עס אויך געזאָגט. גיסיע, זיין ווייב, האָט צובייטענדיג היינט בייא מיר א קערביל עפים שטארק געזיפֿצט, מיין איך, ס׳איז א-פנים נישט גלאט.

פֿייבוש (שטארק פֿארטראכט) מֵילא איז שוין איין צד דאָ... און דער צווייטער? דער צווייטער?... (ער ריקט ארויף שטארק דאָס היטעל, שטעקט אריין טיף הינטער דעם קאָלנער און טהוט זיך א געשמאַקען קראַטץ) אז מען זוכט געפֿינט מען... ס׳איז רעכט! מען בעדארף ארום דעם טאָן און זייא צונויפֿפֿידרען...

ליפע (אָנקוקענדיג פֿייבושין פֿארוואונדערט) וואָס?! וועמען, ר׳ פֿייבוש, צונויפֿפֿידרען?

פֿייבוש. עט... מיר איז אגב ארויף אויף דעם מוֹח מיינט עפים איין עסקיל... נישטאָ קיין צייט. א גוטען! (ער פֿליהט געשווינד אוועק).

ליפע. עפים איז מיר היינט מיין פֿייבוש שטארק צוטראָגען! איהר האָט בעמערקט?

איציק (שטעהענדיג אין דער טהיר פֿונם קליטעל און אויסשטרע-קענדיג דעם קאָפּ צו דער גאס) אוי-אוי האָב איך בעמערקט, וויא ער האָט פֿון ר׳ אֶליהס גענדאנג זיך פֿארקנייטשט, גלייך וויא ער וואָלט איינגע-נומען ריצענאייל. א גוט אָפּפֿיהרונגס-מיטעל, חלעבין! ער איז מאקי באלד אנטלאָפֿען.

ר׳ אֶליה (א צמאָק-געבענדיג מיט דיא ליפען) א חכם פֿון דער

מה-נשתנה ארויס, בע!... פרעגט איהם בחרם וואָס ער בעבעט, אבי געבעבעט!...

איציק (לויפט ארויס צום עק גאניקעל און רופט אויף א קול האלטענדיג דיא האנד איבער דיא אויגען) מענדיל! מענדיל! (צו ליפע!) טהוט איהם נאַר, זייט מוחל, דאַרט א רוף, ר׳ ליפע!

ליפע. מענדיל, מענדיל!--בראָש איז ער טויב — אָ מעגדיל, מענדיל, מענדיל!

זעקסטע סצענע.

דיא פְּרִיהֶערְדִיגֶע און מֶענְ־יל.

מענדיל (צוקומענדיג צום קלייטעל) גרויסע נִסִים, חלעבין, וואָס איך בין נישט מעוברת. מען קען מַפּיל זיין פֿון אזא געשרייא!

איציק (מיט א פינגער אויף דער נאָז) צו מיר ווילסט-דוא שוין נישט שמעקען? אז מען שיקט דיך עפּיס קויפֿען, לויפסט-דוא ערגיץ אנדערש, אָ דוא כלבוניק! וואָהין ביסט-דוא עס ערשט גאַר אָהן א נשמה אזוי געלויפען?

מענדיל. טפֿוא, איך האָב היינט דאָס גוטע לויפעגיש! פֿון פֿריה-מאָרגען אָן טראָגט עס מיך וויא א רוח א סלמר. לויף און לויף און מוז באלד טאקי ווייטער לויפֿען.

איציק. ניין כלבתיק! אַבִי איך האָב דיך שוין דערטאפט, וועסט-דוא בייא מיר אזוי גיך נישט אויסדרעהען זיך. זאָג, וואָס בעטייט אזוינס דאָס לויפעניש? זאָג, מענדיל, זאָג מיט פיסקעס!

ליפע. זאָג, מענדיל! איך בין דאָך שוין טאקי צוקאווע: זאָג-זשע, זאָג!

ר׳ אָליה. אז צווייא יודען זאָגען: זאָג! איז נישט דער דרך-ארץ זיך אָפּצוזאָגען. מילא וואָס קען עס דיך אַרען צוזאָגען? זאָג שוין, זאָג, אז דוא וועסט זאָגען.

מענדיל (אָנהאפענדיג זיך ביים קאָפּ מיט א האוואַיעלע) אַי-אַי-אַי, האָט רחמנות יודישע קינדער! פֿון אלע זייטען א זאָג-זאָג-זאָג! אז עס רייסט מיר אויף דעם מוח. „שאַ! איך וועל מיך אויסקויפֿען פֿון יודישע הענט און אלסדינג, וויא איך בין א יוד! אין איין אָטהעם אָפּזאָגען. — שלום עליכם! — עליכם שלום! — מה שמיכם? — מענדיל, נאָך א בחור. ר׳ שמחה׳ס א משרת. — לויף היינט פֿריה כלחוך השור אין דער באָינע. לויף פֿון דאָרט א היים און האָב א בארג ארבייט. — אָמנם חָטָאתִי! פֿאַרגלוסט

זיך פֿון אלע מְלָאכות מיר אין דער קעך, קוצוניו-מוצוניו מאַכֿען מיט דוואָסיען. — איך איהר: דוואָסיעניו, ליובעניו, אונ זיא מיר: וועד פֿאַר־ברענט! — גיב איך זיא א קליין ציהעלע אונ מַיינע אין איין בעס מיט א געפילדער... בלייבט לעבין מיר זיטצען אויפֿן טאפטשאן. — לויפֿט פלוצלים אריין דיא בעל-הביתטע. — צולויפֿען מיר זעך וויא דיא פֿארסאמטע מייז. — מיינער פוטץ אין שטוב אריין. — ווארף אין אילעניש, לויפֿעניש עפּיס אראָפּ, טראַך, טראַך! — געשווינד א לויף אין אנדערען חֶדר. — לויפֿט אריין דיא בעל-הביתטע, בַּטְעלט חלומות. — האפט זיך אונטער דער שניי־דער מיט רייזילים חתונה-קליידער. — א לויפֿעניש צו רייזילין אין חדר. — מיינער א פֿליה צוריק אין שטוב אריין. — טראָגט דער רוח אָן דאָס גוטע טוהמעניו האָלצע אין שליער. — מאַכֿט אין איין אָטהעם: שפּרינצע!... הא; נישטאָ!... מענדיל, וואו די בעל-הביתטע? — לויפֿט אָן דיא בעל-הביתטע אונ רייזילי אין א חתונה-קֿלייד, נאָר א פריצה. — פֿארגינסט נעי־זעַם! ווינטשעוועט צו האָלצע, נאָר מיט מעהר מזל. אָפּגעגעבען אוי דיין חתן! — רייזילי פוטץ אויף דער קאנאפּע, קאלט וויא אייז. — א געשרייא, א לויפֿעניש! — דער בעל-הבית לויפֿט, ווערטעלט זיך מיט דער בעל־הביתטע. — לויפֿט דיא בעל-הביתטע פֿארוויינט ארויס. — לויפֿט דער בעל־הבית צוקאָכֿט אוועק. — א געשרייא: לויף מענדיל אין דער אפטייק! — נעהמט מיינער דיא פֿיס אויף דיא פּליינעס אונ לויפֿט. — שרייעט ר׳ איציק, מענדיל! — קווימשעט ר׳ ליפּע: מענדיל, מענדיל! — א נערײידערייא, א נעזאָנגערייא: זאָג-זאָג-זאָג! — האפּ איך אָפּ אין איין אָטהעם וויא דיא עשרת בני המן ביז ויזתא. — האָט איהר שוין אָפּגעהערט דיא מגילה, ווייסט איט־ליכֿס פּיטצעלע, האָט-זשע רחמנות, יודען, אויף א יודישער נשמה! לאָזט אונ לאָמיך לויפֿען ווייטער!

איציק. אָ, צו אלדע גוטע יאָהר, ממזר איינער! א שיינער תכשיט נישקשה, א פֿארשלעפּטע קריינק פֿון זיין ליבען נאָמען. (ער נעהמט אונ גיט מענדלין אין דער האנד) נאַ, משלחת, א שטיקעל מאנדעל-זייף פֿאר דיין דוואָסיען.

מענדיל. זיא זאָל האָבען מיט וואָס מיך צווייפֿען. אוי זייפֿט זיא מיך, יודישע קינדער! (ער נעהט אוועק. צום קלייטעל קומט צו א קונה, איציק נעהט מיט איהם אריין).

ר׳ אֵליה (צו זיך אליין) טע-טע-טע-טעט... נוא, וואָס וועט ווייטער זיין? (גענִיצט אויף א קול) אַהו-הוּך! (נעהמט פֿונם בוזעם ארויס א צו־קניימשט פאפּירל, טרעסעט ארויס א קאפּ צוריבענעם טאבאק אונ פריוועט מאַכֿען א פּאפּיראָס) אָח-חאָ-חאָ! עס וועט דערפֿון גאָר נישט ווערען. מען בעדארף געהן א בעט טאָן ביי יענעם א ציגאר טיטון. (ער הייבט זיך

איף פֿתם ביינקעל, גלייכֿט זיך אויס דיא ביינער, אונ געהט אריין אין קליימעל).

זיבעטע סצענע.

שִׂמְחָה מָארְיַאשֶׁעם אונ פֿייבוּשׁ וויזען זיך איף דער גאס, האלטענדיג אין א שמיעס.

פֿייבוש. איך זאג עס אקעגען דעם, ר׳ שמחה, נאט אייך א דרייער פֿאר מענשענס שֵׂכֶל! אלץ השם-יתברך... ס׳איז דאך בעשיינפערליך א חידוש נפלא! אדרבה טאקי, לאָמיר זיך נישט נארען. האט מען דען אייך נישט אָנגעשלאָגען לייטעשערע, אין אלע אופנים גלייכֿערע שידוכים פֿאר אייער בתולה? עפּיס איז א ר׳ שמחה גלאט אזוי זיך אוועקצומאכֿען, הא? — פֿאר וואָס-זשע, איז דאך דיא קשיא, פֿייבושים שידוך מיט א זלמן קריסטאָל אָנגענומען געוואָרען?

שמחה (נישט אָנקוקענדיג פֿייבושין). ווייל ר׳ פֿייבוש, זאָל געזונט זיין, איז...

פֿייבוש. ניין-ניין-ניין, לאָזט זיך דינען, שא!... נישטמעהר, דער תירוץ איז גאָרנישט... קשיות איז גאָר נישטאָ. אָט דאָס גופא טאקי, דאָס גופא האָט איהר דעם בעסטען בעוויז, אז פֿיהרען דיא וועלט פֿיהרט דער רבוני-של-עולם. בעדארף גראָד פֿייבוש, וויא איף קאטאָוועס, זיך ארויסהאפּען: זלמן קריסטאָל. בעדארף גראָד אייער בתולה דאָס הערען אונ בעקומען חשק. בעדארף זיא גראָד זיין א ציטערדיגס בייא דער מוטער. בעדארף דיא מוטער, אייער שפּרינצעלי זאָל געזונט זיין, פֿאר דער טאָכֿטער זיך ארויסשטעלען אונ ר׳ שמחה, מאַריך ימים ושנים זאָלט איהר מיר זיין, בעדארף אלסדינג, וואָס דאָס ווייב וויל, פֿאָלגען... אָט אזוי האָט זיך עס נעדרעהט, געדרעהט, געדרעהט ביז עס האָט זיך אויסגעדרעהט.

שמחה. נוא, האָט דאָך שוין זיך אויסגעדרעהט! וואָס-זשע....

פֿייבוש. ניין-ניין-ניין!... אונ אין גאנצען — לאָזט זיך נאָר דינען! — ווער האָט אין דער זאך דעם ערשטען דרעה געגעבען? טאקי איהר, ר׳ שמחה! אז דער מאן לאָזט זיך פֿונם ווייב פֿיהרען ביא דער...

שמחה. איך בעט אייך, לאָזט מיך צורוה אונ געהט....

פֿייבוש. לאָזט זיך דינען! מילא זאג איך עס אקעגען דעם וויא גאָטעניו דרעהט זיין וועלטיל... וואָס-זשע טהוט גאָטעניו אז זיינע דריידליך האָבען שוין זיך אויסגעדרעהט? דרעהט גאָטעניו ווידער צוריק, אזוי אז, פֿארשטעהט איהר מיך?...

שמחה. נוא-נוא! ער פאסט מיר צו מיינע צרות. לאָזט מיך געהן מיין וועג!...

פייבוש (נעהמט שמחהן ביים ארבעל) נישקשה, ר׳ שמחה! מעהר קיין צרות זאָלט איהר נישט האָבען. (ער ריקט אריין דיא האנד הינטערען קאָלנער אונ דערלאנגט זיך א קראַטץ) אז מען זוכט געפינט מען. פייבוש געפינט..י ס׳איז דאָ חתנים...

שמחה. געניג!... (ער רייסט זיך אויס פון פייבושים הענט אונ ווערד אנטרינען)

פייבוש (שטארק פארטראכט) שווערליך!... נאָר עס... נישט דאָס ערשטע מאָל. נישקשה, איך וועל שוין געפינען א רעדיל! (ער געהט)

אכטע סצענע.

ר׳ אֶלִיָה זיצט אויפן גאניקעל מיט פארלייגטע הענט אונ געניצט. לִיפֶּע, דערנאָך פייבוש.

ר׳ אֶליה (קוקענדיג אין דער וועלט אריין) אכט, צוועלף, צוואנציג, פערציג, פופציג, הונדערט!....

ליפע (אויסדרעהענדיג דעם קאָפּ צו ר׳ אֶליהן) וואס צעהלט איהר אזוינס, ר׳ אֶליה? דיא קאסע?!

ר׳ אֶליה (טהוט א געניץ) אהו-הוך! א שרעק, וויפיל סאָראָקעס האָבען אויפן שפיטץ דאַך דאָרט זיך אויסגעזעצט! אוודאי אקעגען א ת״ק שטיק. דאָס ווייזט אויף גוטער פאגאָדע.

ר׳ ליפע. וואָס שרייבט, ר׳ אֶליה, עפיס דער לוח?

ר׳ אֶליה (אונטערהייבענדיג זיך אביסיל אויפן ביינקעל) אַ, קונדעס איינער! זעהט נאָר דאָרט, א קונדעס האפט דאָרט א ציג פאר דיא הערנער. זיא וועט איהם נאָך דורֵם זיין. (נאָכדעם וויא ער שווייגט א רגע שטיל) אָט, אזוי, האָפּ-האָ-האָפּ! זיא האָט איהם נוט געטראָפען. א מִצְוָה! —

ליפע. מען זאָגט, דער לוח טרעפט היינטיגס יאָהר זעהר גוט.

ר׳ אֶליה (גיט זיך א הייב אונטער, מאכענדיג מיט דער האנד), וואָן, וואָן, פאשאָל וואָן!

פייבוש (צוקומענדיג צום קליטעל) וואָס איז, ר׳ אֶליה? אויף וועמען שרייעט איהר עס אזוי?

ר׳ אֶליה. א הונד ר׳ פייבוש! א הונד לויפט צו אונ דרעהט א יודיש קעלביל דאָרט ביים אויער, דרעהט ער.

פייבוש (פארריקט דאס היטעל און רייבט דעם שטערן שטארק פארטראכט) יא, אזוי טאקי, אזוי!... דער דרעה גערט דורך איהם...

ליפע. עפּיס רעדט איהר, ר' פייבוש, נישט צו דער זאך! איהר זענט מיר היינט עפיס גאר צודרעהט!

פייבוש. אך א שווערע פרנסה דאס שדכנות! מיט הונדערט ספּריזשינקעליך, שרייפעליך, קליינע און גרויסע רעדליך, עפּיס א גאנצער „אֲשֶׁר יָצַר" — דראט-ארבייט, דריידעליך-דריידעליך, פייפעליך-פייפעליך.

ליפע. גלויבט מיר, אלע יודישע פרנסות זענען איין „אשר יצר". לויטער דריידעליך, פייפעליך. וּמַפְלִיא לַעֲשׂוֹת איז דער, וואס קען גוט אנפייפען...

פייבוש. דינען האלט איך טאקי מיט אייך, ר' ליפע: לאז מען פאלמעסען א יודען ווען מען בייא איהם אין אלע רמ"ח אֵברים זיינע געפינען רעדעליך, דריידעליך. אדער זאל מעגליך זיין, א שטיינער, א סוחר, א פאדראטשיק וכדומה אין דעם קאפ ארייצוקוקען, וואלט אוש אנגעהאפט א שווינדעל זעהענדיג, וויא עס דרעהט זיך דארט פאר דיר עפּיס בוידעם-פאלאצע, קאטשערע-לאפעטע, לאקשענברעטיל, אינדיקווימען, קאטשקע-פוטער, סְכָה-שֶׁער אלע אין איינעם... אפילו דיא נענעל שניידט א יוד מיט א דריידעל, עפּיס לְסִרוּגִין, געשפרונגען און געדרעהט.

ליפע. נישקשה, איהר מעגט ארייגשטעלען אין צעטיל צו דיא פריהערדיגע אויך לַמְדָנִים, מחברים, דרשנים און חזנים. דיא גאנצע קונץ בעשטעהט בייא זייא אין דעם דרעה, אין דיא הַוָיוֹת און דיא תּנועות...

פייבוש. אז ס'איז שוין יא אזוי, שטעלט-זשע אריין אֵי בעלי-תְּפִלוֹת אויך. אין האנדריקעוו, אז איך האב דאס ערשטע מאל ימים-נוראים געדאווענט מוספים, איז דער עולם פון מיין דאווענען נישט קאנטעט געווען, ווייל איך האב אויף א קול געזאגט פשוט עברי. הערסטו, האט מען גע-מַטענדט, דאס איז דאך קיין שכל נישט! גלאט גראב זעטצען ווערטער בע-דארף מען דערצו גאר קיין גרויסער בעל-תפלה נישט זיין. א בעל-תפלה בעדארף מאכען עפּיס מיט א צוק, א דרעה אויף דער געמבע אהין און אהער... נוא, האב איך דערפאר דאס צווייטע יאהר שוין אנידערגעלייגט א דאווען מיט גאלע שטייגער, דרעהעליך און תנועות, אז מען איז אוים דער הויט געשפרונגען און געלעקט דיא פינגער פאר מתיקות. (צו ר' אֵליהן) מילא דאס אלסדינג איז הבלי-הבלים... א שטיקעל גמרא איז דא, וואס דרינען וואלט גוט געווען, דאכט זיך, אייערס א דרעהעלי. קומט, ר' אליה! וואס זיטצט איהר אזוי אלץ אויף דעם איינענעם ארט און ווילט זיך נישט רידרען?

ליפע. ר' אֵליה האט אויף דעם ארט שוין א חֲזָקָה. ער וועט עס נישט אפלאזען, סיידען עס זאל, בעהיט גאט, נישט זיין אין ערדציטערניש.

ר׳ אֶליה. אָה-האָ-האָ! דיא היינטיגע גילדענע פרנסות! צו-וואָס ארומדרעהען זיך אומזיסט אונ רייסען שיך? (ער טהוט א גענייץ) אַהוּ-הוּך!... ווייס איך, ר׳ פייבוש, וואָס איהר ווילט פון מיר האָבען? גלאט געה אונ רייס שיך! — נישט מעהר, וואָס זאָל מען טאָן מיט אייך, הא? (ער הייבט פאמעליך זיך אויף פונם ביינקעל, קנאקט אויס מיט א גענייץ דיא ביינער אונ נעהמט מיט פייבושן אין דער גאס).

נײנטע סצענע.

פייבוש אונ ר׳ אֶליה.

פ י י ב ו ש (נאָכדעם וויא ער קוקט אָן ר׳ אֶליהן א רגע שטיל) אַווי, ר׳ אֶליה, אַווי!... א מלחמה, דרינגט איהר, מוז זיין.

ר׳ אֶ ל י ה (מאַכט צו איין אייגעל האלטענדיג דאָס קעפיל אין דער זייט), בכֵן?

פ י י ב ו ש. בכן וועט אם-ירצה-השם זיין וואָס צוטאָן.

ר׳ אֶ ל י ה. דאָס ווייס איך אליין. אבי נאָר מלחמה לאָז איך מיך, מיט נאָטס כֹּחַ, באלד אויף דער מלחמה אוועק. נישקשה, בין אזא בְּרִיָה וויא אנדערע בין איך...

פ י י ב ו ש (מיט א שמייכעלע) אויב איהר זענט א בריה! דרינען איז חלילה קיינער נישט מסופק. — נאָר אייך ליגט אלץ אין זינען פאָליטיקע אונ איך מיין גאָר בפשטות א שידוך. איהר קענט מיר אביסיל צוארבייטען אונ דערוויל, איידער איהר לאָזט זיך אויף דער מלחמה, דאָ האפען א שיין פארדינסטיל. נישט לאנג געטענהט, א שידוך פאר שמחה׳ס בתולה מיין איך.

ר׳ אֶ ל י ה. וואָס הייסט! דער פריהערדיגער שידוך איז דען שוין טאקי אָפגעלאָזט געוואָרען?

פ י י ב ו ש. גלייך וויא אָפגעלאָזט. מע בעדארף נאָר אונטערדריקען א נייעם, וועט דער אלטער ממילא אויס ווערען.

ר׳ אֶ ל י ה. א שטיקעל חידוש, חלעבין! איהר זענט דאָך געוועזען דער גאנצער שדכן!...

פ י י ב ו ש. נוא, דעריבער זאָל איך שטעהן וויא א גולם אונ ווארטען ביז אנדערע וועלען זיך פארחאפען אונ אונטערדריקען! אונ וואו שטעהט עס געשריבען, אז מען שיט זיך בייא איין בתולה דאָס צווייטע מאָל א שדכן זיין? אין צַוָואַת ר׳ יהודה החסיד האָב איך עס נישט באגעגענט אונ קיין חֵרֶם דרבינו גרשון איז דארויף אויך נישטאָ.

ר׳ אָליה. אין קלייטעל דאָרט האָט ערשט איינער געזאָגט: זלמן פילדערט, ער מוז דיא אלע פסלנות דערוויזען. שפרינצע איז ארויף אויף שמחהן מיט פֿייער, אלע מיטעל זאָל ער איינווענדען את דעם חתן בעפֿרייען. שמחה יאָגט זיך אצינד ארום, ר׳ יוחנצע האפט א ציטער אונ איז שטארק אין כעס. שמחה מיט דער טאקסע ליגט בייא איהם אין דער האנד אונ ער קען איהם דערקוועטשען וויא א פֿליג. ס׳איז א רעש, א קאָבֿעניש.

פֿייבוש. אזוי?... א קאָבֿעניש? אָווא! — נאָר אויך דיא איינענע מעשה אָפּהענדיג בעדארף מען נישט ווערען. עט... חלעבין! אהין אהער, וויא דער שטיינער איז, אונ צום שפיטץ מוז אויסקומען, טאקי פֿאָרט ר׳ יוחנצע!... מיך קוועטשט נאָר אביסיל, אָט דאָס, זעהט איהר, וואָס שמחה איז עפּיס אויף מיר אָנגעבלאָזען אונ בין בייא איהם, וויא איך פֿארשטעה, א שטיקעל פָּסול. דאריבער איז מיר איינגעפֿאלען אייך, ר׳ אליה, אריינצודרעהען אין דעם ענין. פֿארשטעהט איהר?

ר׳ אָליה. אָט דאָס איז אייער שטיקעל גמרא! (מיט גַדלות) איהר מוזט וויסען, אז בייא שמחהן בין איך א חָשוב, ער לאָזט אמאָל זיך צו מיר קענען. מיין שטאָדט איז לעבין איהם אין שיל. אין דיא ניין טעג מאך איך איהם געוואָהנטליך א סִיוּם. דערצו נאָך איז מיין פלוניתטע מיט איהם עפּיס א קנעפּיל. פֿארשטעהט איהר מיך?

פֿייבוש. דאריבער טאקי נעהם איך דאָך אייך פֿאר א שותף. איהר זאָלט זיין כלה׳ס צד אונ איך חתנס צד.

ר׳ אָליה. קיין בלינדען אָתרוג קויף איך נישט. צובעטראַכטען האָב איך ליב דעם פּטום. ווער איז דער מחותָן?

פֿייבוש. אָבער ר׳ אליה, וויא מיר שטעהן דאָ תחת כִּפַּת השמים, עס זאָל בלייבען בסוד. איך בעשווער אייך בייא אייער חלק לעולם הבא! אנדערע קענען עס נאָך אויסחאפּען. — ר׳ יוסיל פינטשעווער, האַ, קענט איהר?

ר׳ אָליה (מאכֿט פֿארקרימענדיג זיך מיט דעם פֿינגער) יוסיל פינטשעווער אונ שמחה מאָריאַשעס!!

פֿייבוש. אָבער דער קֶרֶן, זיין בָּחוּדיל מארקיל! א יאָ קפּריסין? א קאריפֿירער אֶתרוגיל, א פיטומיל נאָר א חידוש. טאקי וואָס מען רופֿט א טשאטשקעלע, א זיידען קינד! נוא?

ר׳ אָליה. טאַ, איך ווער מיך פּרוּוען.

פֿייבוש. א הקדמה מוז איך אייך זאָגען איידער איהר טרעט מיט מיר אין שותפות אריין, אז דער ענין פֿון שדכנות האָט ליב א דריידיל (מאכֿענדיג מיט דער האנט ארויף אונ אראָפּ) אָט אזוי, אהין, אהער, אין אלע זייטען. מען בעדארף אמאָל אריינפֿאָהרען עפּיס הינטען ארום. עס זאָל

אויסזעהען מען פֿאַרט, דאַכט זיך, קיין יהופֿעץ אונ פלוצלים זאָל גאָר אויסקומען בייבעריק. פֿארשטעהט איהר?

ר׳ אָליה. אין פּאָליטיקע מעגט איהר גישקשה אויף מיר זיך שוין פֿארלאָזען. דרינען האָב איך ברוך־השם א געפֿיהל.

פֿייבוש. נאָר למען־השם נישט אייער קירה׳ס פּאָליטיקע — זיך דרעהען, דרעהען אונ שטעהען אויף איין אָרט. אין דער שַדְכָנישער פּאָלי־טיקע איז איין כלל: א דרעה אונ ווייטער. קשיות איז גאָר נישטאָ.

ר׳ אָליה. עפּיס רחמנא־ליצלן גאָר טערקיש!...

פֿייבוש. טערקיש צי שמערקיש אנדערש קען עס נישט זיין. אָט איז דיא גאנצע פּאָליטיקע. לאָדען קען מען דאָ נאָר צום וּנְתַנֶה־תּוֹקֶף אונ אין ערגסטען פֿאל דיך רופֿען קנאק־ניסעל...

ר׳ אָליה (מיט א קנייטשיל) אונ נאָך אלע זאַכען, הערט איהר, איז פֿאָרט נייטיג אין דער גיך מלחמה. מיין גֶעדראנג אקעגען דעם ענין איז דאָך זעהר וואויל. וואָרים, פֿארשטעהט איהר, וויא באלד פולווער איז איין עק, שוין גאָר אנדערע דינים... (אויף דער גאס ווייזט זיך הערשעלי דער סאָל־דאָט אונ זיין ווייב גיסע).

פֿייבוש. גוט. חלעבין, אָט איז הערשעלע! מען וועט איהם בע־דארפֿען טאקי א פֿרעג טאָן. (פלוצלים קומט אָן־צולויפֿען דיא מוהמע אָהן א נאָז מיט א גאנצער חאָפּטע).

~~~~~~~~~~~~~~~

צעהנטע סצענע.

דיא מוּהמֶע אָהן אַ נאָז, דאָס קליינע כְּלֵי־זְמֶרִיל, וַוייסֶע
חֶבְרָה אונ אַ חאָפּטע ווייבליך, מיידליך אונ מאנסבילין,
צווישין זייא הֶערְשֶׁעלִי, גִיסֶע, פַייבוּש אונ ר׳ אֵלִיָה.

דיא מוּהמע (מיט א יִפֶּע אויף איין ארבעל, אין פאנטעפֿעליך. האלט א טעלעריל, פּאָנפֿעט אונ העצקעט זיך) אויף א מיידעל, יודישע קינדער! א יתומה, אָרם, עלענט... (צו פֿייבושין מיטן טעלעריל) אויף הבנסת כלה־, ר׳ פֿייבוש! — וויוואָט!

פֿייבוש (באָברעט זיך אין דער קעשעניע) נישטאָ, אָוואַ! — טאָמיר זענט איהר רייך אין א פּאָר גראָשען, ר׳ אָליה?

ר׳ אָליה. קיין צרות! — איך האָב שוין געוואָלט בייא איך א בעט טאָן.

דאָס כלי־זמריל (ריפּעט אויף עפּיס א מין פֿידעלע, צוזינגענדיג אויף א בייא־קולכין אונ לאָזט אויס מיט א קוויטש)
~~~~~~~~~~~~~~~

א נדבה, יודען, זאָלט איהר געבען,
א נדבה, יודען, אויף א בתולה!
א גרויסע זינד, בנאָמנות חלעבען,
א מיידעל זיטצען-לאָזען, חלילה!
ניין איילען פייבוש קלעקט אָהן שאלות
אויף אלע רייכע מאכען חפּות,
אונ צופארשלייערן אָרמע כלות
העצקען מוהמעניוס זיך אין ייפעם.
אשריכם ישראל, יודישע קינדער!
אזא מוהמע, אזא פייבוש נאָטטווינדער!

די א ווייסע חברה (קרימען זיך נאָך, זינגען, שפּרינגען אונ טאנצען)

ניין איילען פייבוש אויף א חופּה,
צאָן קדשים מע! א טאנץ, א טופּע!
רריפּע, ריפּע שקאָץ, רריפּע, ריפּע,
העצקע מוהמע זיך מיט דער ייפּע!
(אין דעם עולם איז א געלעכטער)

די מוהמע (מיטן טעלעריל צום עולם) דערקוויקט איין אָרם מיי-דעל, יודישע קינדער! א יתומה נעביך וויל חתונה האָבען. גאָט זאָל אייך דערקוויקען דיא יאָהרען אונ איטליכענס וואונש דערפילען.

א ווייבעל. גיט מיר מוהמע א גראָשען, גאָט אייך א דרייער! אוי, לאָז נאָט מיר פאריכטען מיין פינצטערע דאָליע...

א דינסטמיידעל. נאט אייך א גראָשען! לאָמיך זעער גאָט אויפ-געריכטט ווערען!...

גיסיע. איין דרייער פאר מיר אונ איין דרייער פאר הערשעלין! בעט גאָט מוהמעניו פאר מיין מאן, ער זאָל בשלום צוריק קומען פון דער מלחמה.

ר' אליה. איהר הערט?... נוא, ר' פייבוש, וואו נעהמט מען אצינד אהער איציקין!

פייבוש. אהער הערשעלי! אויף א וואָרט, נאָר אויף איין וואָרט.

הערשעלי. נישטאָ קיין צייט!

דאָס כלי-זמריל (ריפּעט אונ זינגט מיט א קוויטש וויא פריהער)

א חופּה ניך א יודען שטעלען,
א יודען ניך-אונ-באלד בעגראָבען,
צוויא מעלות טובות, נאָר אָנצוקועלען,
וועלכע מיר נאָר יודעליך האָבען.

גיבֿער יוד זיך-פֿרוכֿפערען, טעהרען!
גיבֿער גָט-זיך פעריל, ריקעל, פֿייגעל!
א, בעגראָבען גיבֿער זאָלסט-דוא ווערען,
ליג אין דר'ערד און באַק דאָרט בייגעל!
אשריכם ישראל! נישט צוציילען
אלע אייערע שיינע צורות:
אִי מוהמעס אִי פֿייבוש ניין איילען,
אי יודען, וואָס שרייבען צוועלף שורות!

(דיא מוהמע מיט דעם כלי-זמריל און דער גאנצער עולם צוגעהען זיך געשווינד, דיא ווייסע חברה פֿארשווינדען שפרינגענדיג מיט רעש און געשרייא).

פֿ י י ב ו ש (אויף א קול מיט אימפעט, נאָכֿדעם וויא ער שטעהט א ווײלע שטיל, צומישט) מכֻשֶפָה'טע!... שייגעץ!... טפֿוא זאָלט איהר ווערען מיט אייער הכנסת כלה!... (ער געהט אוועק געשווינד און ר' אליה נאָך איהם).

דריטער אקט

בייא שמחה מאָריאַשעס אין הויז.

ערשטע סצענע

שְפְּרִינְצָע, רֵייזִילִי און מֶעְנְדִיל.

(רייזילי זיטצט שטארק צוטראָגען, האלטענדיג אין דער האנד א בריף, אין וועלכֿען זיא קוקט צו-ווײלען אריין. אקעגען איהר זיטצט שפרינצע, ארבייטענדיג א זאָק און דערלאנגט הינטערווײלס א בליק אויף רייזילין מיט א זיפֿץ).

ש פ ר י נ צ ע. גענוג שוין, רייזילי, געטראכֿט, איך בעט דיך!

ר י י ז י ל י. אלכסנדר זאָל שווייגען!... אָט איז זיין לעצטער בריעף און מעהר קיין וואָרט אזא לאנגע צייט!... ניין, ס'איז נישט אומזיסט!

ש פ ר י נ צ ע. אָט וועסט-דו זעהן, מענדיל ברייגגט באלד א בריף. — די פּאָטשט דאָרט אין בולגאריא געהט נישט אקוראטנע. — מלחמה-צייט!...

ר י י ז י ל י (אָנגעהמענדיג זיך ביים קאָפּ) עס קלינגט, שיסט, שיסט מיר אין דיא אויערען... הונדערט הארמאטעס שיסען דאָרט אצינד און עס גיסען זיך טייכֿען בלוט... בלוט פֿון מענשען, טהייערע, ליבע, טיף אין הארצען איינגעבאקטע... אוי, אלכסנדר!...

שפרינצע (טאפּט רייזילן ביים קאָפּ) מיר פאַר דיין קאָפּ, טאָכטער! אזוי יונג און שוין א געבראָכען הארץ. פאָלג מיך, רייזילי, און נעהם נישט אזוי צום הארצען, מע מוז קענען אראָפּשלינגען צרות, וועהטינגען.

רייזילי. אָבער אזעלכע וועהטינגען, אז דאָס הארץ ציהט, ציהט און דוא פיהלסט... מאמע, איך בעט דיך, דו האָסט פאַרזוכט א מאָל אזעלכע וועהטינגען?

שפרינצע. אזעלכע?... ניין! דיא צייטען זענען נישט גלייך, אנדערע צייטען אנדערע וועהטינגען; מיר האָבען געהאט אונזערע וועהטינגען, אזא וועהטיג וויא דיינער, ניין, האָבען מיר נישט געוואוסט און גאָר טאקי נישט געקענט וויסען.

רייזילי. לאָכען, חלעבין, מוז מען פאַר צרות! אין דיינע צייטען זענען געווען העלצער, נישט קיין מיידליך!

שפרינצע. זאָלסט-דוא טאקי וויסען, מיידליך יונגע מיידליך זענען אין אונזערע צייטען כמעט גאָר נישט געווען, עס זענען געווען יונגע ווייבליך, כלות און קינדער. איך, א שטייגער, בין נאָך גאָר א קינד שוין געווען א כלה פאַר דיין טאטען. אונזערע עלטערען זענען זיך געפעהלען און ביידע זיך משדך געווען, ביז דער חתונה האָב איך מיינעם אין דיא אויגען נישט אָנגעקוקט, און דערנאָך אפילו פלעג איך זעלטען גאָר זעהן, מיר האָבען זיך געשעמט איינער מיט'ן אנדערען פאַר מענשען א וואָרט צורייעדען. — אָט אזוי, רייזילי, האָט מען חתונה געמאכט קינדער. נאָך דער חתונה איז געגאנגען א סדרה קינדער, צרות, פּרנסות, קאָפּ-דרעהניש און וועמען איז אין זינען געלעגען זיך צוצוהערען צו אזעלכע זאכען, וואָס מען רופט עס היינט ליבעס... אנדערע צייטען אנדערע וועהטינגען.

רייזילי. מען איז געווען נעביך דערנידעריגט, דערשלאָגען, אליין נישט צופאַרשטעהן דיא מיאוסע לאגע, דיא וועהטינגען האָבען זיך אָנגע-הערט נאָר מיט דעם מאָגען, מיט דיא בעדערפעניש אין דעם בעל־הבית׳ישקייט, בידנע ווייבער! (זיא נעהט-צו און גיט א קוק אין פענסטער) וואָס זאמט זיך אזוי מענדיל?... אוי, וועהטינגען — אז טהוט וועה דאָס הארץ, דיא נשמה!...

שפרינצע, שא, רייזילי! דאכט זיך מען געהט, א ודאי מענדיל, אָט וועסט-דוא זעהן וויא ער ברייננט א בריף.

רייזילי (צוהערענדיג זיך) הא? יאָ, מענדיל, מענדיל! איך לויף אקעגען (זיא לויפט צו דער טהיר און חאפּט זיך באלד צוריק) און וויא אָבער אז נישטא?... לאָמיך וואַרטען, בעסער נישט פרעגען, לאָז מיר

זיך אלץ דאַכטען טאַגטער... הער איך נישטאַ, אַ, איז איין עק!...
(זיא שטעלט זיך איבערנאַן אין ווינקעל, מענדיל קומט אריין אין שטוב).

מענדיל. נוא האָט זיך עס דאָרט געטאָן! א צוויי שעה בין איך אוועקגעשטאַנען אין דעם רַעש אונ נישט אויסארעדניג זיך דעם סוף האָב איך געטאָן א שפּיא אונ אוועקגעגאנגען.

שפּרינצע. וואָס איז היינט אויף דער פּאָטשט אזוינס מעדר ווי תמיד?

מענדיל. וואָס פּאָטשט! דיא קלויז מיין איך, א חאָפּטע איז זיך אהין צונויפגעלויפען, נישט געלאָזט אויסנעהמען, איין געשרייא: טהייער פלייש, מען בערייסט דעם עולם! דער בעל-הבית איז צוקאָכט, ווייזט אויף דיא נגידים. ריא נגידים שושקען זיך, אונ ווייזען אויף ר' יוחנצען, ר' יוחנצע וויל נים מפסיק זיין, פּאַטשט אויפען שטענדער אונ מאַכט אִי, אִי! דם צפרדע כנים איהם, די אלע עשר מכות!

שפּרינצע. פאר וואָס גראָד איהם?

מענדיל. פון מיינטוועגען מעג ער דערפון אראָפּגעבען אי דיא נגידים, נאָר דער גרעסטער חלק מכות קומט פאָרט איהם, גלויבט מיר, ס'איז אין גאנצען זיין אָנשטעל, ער מיינט שוין מסתמא ווייטער עפּיס... ס'איז דאָ א פּנִיֶהלע... אוי קען איך דעם שיינעם יודען, פול מיט פלייא אין דער נאָז! ער איז אִי אהין אי אהער, אין אלע זייטען אונ פיהרט אלע אין באָד אריין. — אצינד האָב איך שוין גאָר א נייא לויפעניש (ער וויל נעהן).

שפּרינצע. אונ א בריף, מענדיל?

מענדיל. א בריף? הערשטו, עִיקר שָׁכַחתּי! אלץ דער שיינער יוד, מפּוא זאָל ער ווערען! יאָ...

שפּרינצע אונ רייזילי (ביידע אין איין קול) הא?... א בריף, בריף!

מענדיל. יאָ, א בריף — איז נישטא. (ער נעהם ארויס, רייזילי נים זיך אוואָרף אויף דער קאנאפּע אונ בלייבט זיטצען שטיל, פארדעקט דעם פנים מיטביידע הענט).

שפּרינצע (צוקומענדיג צו רייזילין) רייזילי, דוא וויינסט!... אך, האָב רחמנות אויף דיר, אויף דער מאמע!

רייזילי. מאמע, נישט גוט! עס ליגט מיר א שטיין אויפן הארצען...

שפּרינצע. איך גלויב דיר טאָכטער! איך בין טאקי א יודענע פון דער אלטער וועלט, אָבער אין מיר ליגט נאָך א הארץ פון א מוטער, (זיא וויינט) איך פיהל, מיין קינד, דיין שווער ביטערער געמיטה, דאָס העליש-פייער דאָרט אין דיר ברענט אונ בראָט אונ צוקאָכט דאָס בלוט

אויך מיר... נאָר וואָס קען מען אָבער טאָן ? (זיא נעהמט ארום רייזילן ביים קאָפּ) מיר פֿאַר דיין קאָפּ ! קום בעסער און לייג זיך אביסיל צו בייא דיר אין חדר. (איינע דער אנדערער טהוט א קיש און געהען ביידע אוועק).

צווייטע סצענע.

פֿייבוש, און שְׁפְּרִינְצֶע.

פֿ ייבוש (אריינפֿליהענדיג אין שטוב) א גוטער פורים ! (ארומקוקענדיג זיך) גישטא קיינער ?... גלייבער ! דערוויל בעטראַכט איך מיר דאָס גאנצע דריידעל. — האסקילים פלוניתטע האָט מיט איהר שטאַרב מיך מחיה געווען. — וואָס מיר ר׳ אליה ? וואָס מיר יוסיל פּינטשעווער ? א דולעניש נאָר ! האסקיל איז גין־גאָלד... אלסדינג איז דאָ צום רימעל : טאקסע, ר׳ יוחנצע, נגידים, שטאָדט-שקצים... טאַ-טאַ-טאַ, א דריידעל מיט אלע פישטשעווקעס ! — ר׳ יוחנצע האָט עס היינט געמאַכט דיא שפיל מְמֻזָּרִים, וויא א גוטער פורים-שפילער ! שמחהן גענומען אויפֿן דראָנזשיק, האלט דיא בייטש אָנצוטרייבען : וויאָ, שמחהלי, וויאָ ! דער שידוך, אם-ירצה-השם וועט פֿאָהרען.. (שפרינצע קומט אָן).

שפרינצע. אָ, איין אָנגעלייגטער גאסט ! זיך פֿאָרט אויסגעריסען א מאָל צוקומען. זיצט-זשע ה׳ פֿייבוש ! עפּיס איז דאָך היינט שושן-פורים, קומט דאָך אביסיל בראנפֿין מיט קישעליך, פֿאָרט א געוועזענער שכן, א גוטער פֿריינד !... (זיא געהט צו דער שאפֿע).

פֿייבוש (אריינשטעקענדיג דיא האנד הינטערן קאָלנער) איך זוך היינט אלץ בייא מיר און זוך : רבוני של עולם, וואָס בייסט מיך, פיקט מיר אזוי אין קאָפּ ? (טהוט זיך א קראַטץ) און טאקי געפֿונען ! מען בעדארף, זאָג איך אריינגעהן צו שפרינצעלין . . .

שפרינצע (אנידערשטעלענדיג אויפֿן טיש א פֿלעשיל בראנפֿין מיט קישעליך) גוט טאקי האָט איהר געטאָן. — אַי האָב איך א האַרץ פֿול מיט מַכּוֹת, יסורים !... מאַכט ברכה ר׳ פֿייבוש !

פֿייבוש (אָנגיסענדיג א קידוש-גלעזעלי) געה פֿרעג גאָטעניו קשיות, אז ער דרעהט זיין וועלטיל ! אָט דרעהט ער אהער און פלוצלים גאָר א דרעה צוריק. — לחיים ! אבי געזונט, שפרינצעלי. און וואָס ווייטער איז בע... מסתמא וועט זיין רעכט. (ער טרינקט) אָ, בראנפֿין, גאָר א חידוש !

שפרינצע. לאָזט זיך נישט בעטען, טרינקט נאָך געזונטערהייט. — אמת טאקי, גאָטעניו, וויא איהר זאָגט, טאָהר מען קיין קשיות נישט פֿרע-

נען, נאָר א וועהטינ איז עס א גרויסער. פֿון אוריפֿיל קינדער קוים דערלעבט מיין רייזילין אונ געמיינט, פֿון איהר אָט, אָט נחת האָבען, פלוצלים...

פ י י ב ו ש (פֿאלט איהר אריין אין דיא רייד אויסטרינקענדיג דאָס גלעזעלי) לאָזט זיך דינען, שפרינצעלע! מילא קומט דאָך בייא אייך אויס, אז רבוני-של-עולם מאכט זיך זיין דרעהעלע גלאט אזוי עס... גאָרנישט! (א קראַטץ הינטערן קאָלנער) ניין, אז מע זוכט געפֿינט מען! דער ביס איז דעם זינדיגען מענשען איין אָנצוהערעניש, ער זאָל זוכען נאָר אין דער אנדערער זייט, וואָרים דער אמת איז, אין אזעלכע ענינים מוז מען צוטאַפּענדיג דיא אויגען זיך לאָזען פֿירען, מען פריווט, טאָמער געהט עס אהער, געהט עס נישט אהער, בעדארף מען זיך נישט מצער זיין אונ פריווען אהין, פֿארשטעהט איהר מיך? א דרעה אהין... ר׳ שמחה אייערער פֿארשטעהט די זאך אוודאי בעסער אונ זינדיגט נישט מיט דיא רייד. וואָרים ר׳ שמחה איז א ווילדער חכם אונ האָט אין זיך דאָס פינטעלע יוד.

ש פ ר י נ צ ע. ניין, ר׳ פֿייבוש, דאָ איז גאָר נישט דאָס פינטעלי. שמחה מיינער קוקט פשוט אויף דער זאך וויא אונזערע טאַטעס, מאַמעס א מאָל, א שידוך איז נישט חתן-כלה׳ס עסק, נאָר דיא עלטערענס, היינטיגע קינדער טענהן אָבער אזוי: —

פֿ י י ב ו ש. איך וויל גאָר נישט הערען יונגעלשע טענות. עט! שטותערייען. ווייס איך, וואָס קינדער דאָרט פלוידערען! (ער גיסט אָן דאָס גלעזעלי) ר׳ שמחה קוקט דארויף טאַקי וויא א ווילדער חכם. (ער טרינקט)

ש פ ר י נ צ ע. א וואונדער חלעבין! ביים שידוך מיט אלכסנדרין האָט איהר ר׳ פֿייבוש גערעדט גאָר אנדערע ווערטער!

פֿ י י ב ו ש. א, דערלעבען זאָלט איהר משיח׳ן! איהר האָט דאָך מיך טאַקי, איך בעט אייך איבער וויא אין איינגע מוטער, נישט פֿארשטאַנען. הערסטו, דרינען טאַקי ליגט דאָך דאָס גאנצע שפיטצעל! דרעהט גאָטעניו אהער — איז אהער, דרעהט זיך אָבער דאָס רעדעל איבער, מוז עס בהשגחה פְּרָטִית, זיך דרעהען נאָר אהין... אי וואָס, פֿון לְכַתְּחִלָּה?... דער תירוץ איז גאָרנישט... קשיות איז גאָר נישטא, צוקייעט עס נאָר גוט, שפרינצעלי, ס׳איז זעהר א טיפֿער ענין. — אייער ר׳ שמחה, זאָג איך נאָך א מאָל בפירוש, איז א ווילדער חכם. — איהר מעגט עס איהם פֿון מיינטוועגען אָפּזאָגען. פֿארקעהרט, אדרבה. — ר׳ שמחה זאָל וויסען וויא איך האלט פֿון איהם עולם-ומלואה וואָלט פֿייבוש בייא איהם געווען, פֿארשטעהט איהר? גאָר טע-טע-טע!... עיקר הדבר, געדיינקט זשע, איז דאָס פינטעלע, וואָס ער איז א יוד, טאַקי מיטן פינטעלע. — א גוטען!

ש פ ר י נ צ ע. אזוי גיך! עפים האָט איהר מיך דאָך נאָר מְבַיֵּשׁ געווען, נישט געטרונקען, נישט פֿארביסען!

פ י י ב ו ש. נישקשה, עס... באלד אפשר קום איך נאָך ווידער. אצינד איז זיך גלאט אזוי... (ער נעהמט אוועק).

דריטע סצענע.

שפּרינְצֶע, שׂמְחָה, דערנאָך דְוָואסְיֶע.

ש פ ר י נ צ ע (קלייבט צו פֿונם טיש און שטעלט אריין אין שאַפֿע) פֿייבוש, פֿארשטעה איך, מיינט טאקי, זיינע שְׁבָחִים זאָלען צו שמחה'ס אויערען קומען, און וועלען, פֿון שלום וועגען, טאקי קומען. לאָז מיינער, חלעבין טאקי אויף אידם זיך נישט אזוי בלאָזען... (זיא זעטצט זיך לעבין דער קאָמאָדע און זעהט איבער דאָס וועש. נעהמט זיך דערנאָך אריינצילען א פֿאָדים אין טרעפֿט נישט אין לעכ̃יל) א קעפיל אביסיל, נאָר א פינטעלע! — עפּיס פינטעלט מיר היינט פֿייבוש אלץ פינטעלע, מיט דעם פינטעלי! — (צילעט) גנעה טרעף אין פינטעלע! ... היינטיג-מאָדישע קעפֿליך, משטעהנעס געוואָגט... נוא, צו-וואָס טויגען דיא אלע פינטעליך, יענעם נאָר צופֿארבלענדען דיא אויגען! (לייגט אוועק דיא נאָדעל) נאָר א שווינדעל, א קאָפּדרעהעניש, טפֿוא!.. (שמחה קומט אריין מיטן טלית-און-תפלין זאק אונטערן אָרם) א שיינער שושן-פורים! מען זאָל אזוי שפּעט דאווענען און ביז אצינד אין מויל נישט צוהאָבען!

ש מ ח ה (לייגט אנידער דעם תפלין-זאק און זעטצט זיך אקעגען שפּרינצען) אוי, האָט מען מיט מיר היינט נעדאַוועגט!

ש פ ר י נ צ ע. איך וויים שוין, וויים! גוטס לאָזט זיך הערען. — נאָר איין אָנשיקעניש חלעבין!

ש מ ח ה. אוי, איין אָנשיקעניש! הלואי עס זאָל זיך גוט מיט אונז אויסלאָזען. אלע אויף מיר: א הויטשינדער, א בערייסער! נאָר א צוזעטצעניש, ווייסענדיג, אז מיר קומט פֿונם טהייערען מַכָּה גאָרגישט ארוים, אין גאנצען גאָר זייא, זייא, דיא פֿיינע בריות, און דאָ טאָהר מען נישט ארויס מיט א וואָרט!... אז זייא זענין דיא שטאָדט און פֿאר א פיפס נאָר, ווערד פֿון דיר תל. — אוי דער ר' יוחנצע, ר' יוחנצע! ער זאָל זיך עס היינט אָפּרופֿען פֿאר מיר איין וואָרט, גלייך וויא א יודישער גראָשען איז אידם אָסור-חָזִיר. ער האָט נאָך געמאַכ̃ט עפּיס אזא מינעלע, וויא ער האָט הַנָאָה, וואָס דער עולם שרייעט. וואָס ער מיינט דערמיט וויים איך לע"ע נאָך נישט. נאָר מסתמא וועט זיך עס ארויסווייזען.

ש פ ר י נ צ ע. פֿאָרט וואָס איז בייא אייך דאָרט געבליבען?

שמחה. געגליבען? דיא אלטע קאָמעדיע, פורים-שפיל — איין אסיפה!... דיא נגידים וועלען היינט אין אָוועגט זיך דאָ צונויפקומען. זייא מיינען א קערמישיל. זאָל זיין אזוי! גאָר אָהן דעם איז דאָך עפּיס אויך שושן-פורים!

שפרינצע. אָי, ס'איז א גאנצע ארבייט!

שמחה. מילא וואָס קען מען טאָן, אז מען ליגט בייא זייא אין דיא הענט! (ער שטעהט אויף) קיינער איז דאָ היינט נישט געווען?

שפרינצע. הא?.. יאָ! פייבוש איז היינט אריינגעקומען. — וואָס האָסט-דוא זיך אזוי פאַרקרימט, שמחה?

שמחה. מילא, עט... פייבוש-שמייבוש!...

שפרינצע. דוא זאָלסט וויסען, שמחה, וויא פייבוש האָט דיך ליב אונ לויבט דיך אין טאָג אריין! ער זאָגט: דוא ביסט א יוד מיט דעם פינ-טעלע. א ווילדער חָכָם. — נאָר נעהם זין פון-דעסטוועגען נישט איבער, שמחה!

שמחה (שמייכלענדיג מיט א שיינענדיג פנים) ביים ווייב איז דער מאן אין דיא אויגען קיינמאָל קיין חכם נישט. אונטער דיא אויגען איז אימ-ליכער מאן, דער גרעסטער שוטה אפילו, ביים ווייב א שטאַרקער חכם. — געהם זיך, שפרינצעניו, פון-דעסטוועגען אויך נישט איבער מיט דיין מאן, וועלבען מען לויבט אזוי... האָ, אזוי? איז דאָ היינט, זאָגסט-דוא, פייבוש געווען... אז פייבוש האָט מיר שוין יאָ בייא דיר דאָס מזל פאַרריכט, ניב זשע מיר, סערדצע, א קישעלע מיט אביסיל בראנפין!

דוואָסיע (אריינלויפענדיג מיט אימפעט) א שאלה! בייא דער הוהן איז א שפילקע אין פופעק.

שפרינצע. אָט האָסט-דוא דיר פון אלע מלאכות!... דוואָסיע, גרייט צו א וועטשערע. היינט וועלען דאָ זיין דיא נגידים.

דוואָסיע. מזל טוב דיר! נאָ דיר נאָך נגידים אויף דיין קאָפּ! אָי, אין דער ערד אריין חלעבין!

שפרינצע (צו שמחהן) געה מיין חכם אריין צו דיר. דאָרט שטעהט שוין אלסדינג אָנגעגרייט. (שמחה געהט אוועק).

פערטע סצענע.

שְׁפְּרִינְצֶע, דְוָואָסְיֶע, ר' אֱלִיָּה אונ פֵייבוּשׁ.

שפרינצע (צעהלט אויף דיא פינגער) פיש געלע מיט ראָזינקעס. קיין יוך, מיין איך, בעדאַרף מען נישט.

דוואָסיע. וואָס דען! נאָך א מאָל לאָקשען!

שפּרינצע. א טאָפּגעבראָטענעס פון קאָפּ-קיסליצע, א לעדוועצע.

דוואָסיע. אפשר איין עסינפליישיל מיט א גריינשיל, איינגעהאַקטע קוילען פון זאָדינפלייש אין זוויערען.

שפּרינצע. מלינצעס, סָרָה'ס-קניידליך, ווארעניקליך מיט קאשע און גריוועןן.

דוואָסיע. אזוי פיל! אפשר טאקי שוין גאָר אלע מאכלים: א זראזע, א ראָסעל-פליש, לעבערליך מיט ציבעלע, פעטשע, קוגעל, אָנגע-פּיהלטע חעלזליך, חרעמזיל, פּוילע וואַרעניקעס — פּוילען זאָלען זייא! וואו וועלען זייא דאָס אלסדינג לייגען?

שפּרינצע. אונזערע נגידים האָבען ליב צועסען, בפרט בייא יענעם, אז קאָסט זייא קיין געלט נישט... נוא פלאָדען איז דאָ, טאָרט איז דאָ, פּאנקוכען איז דאָ, סטרודעל איז דאָ, מלכות-בריימליך — דאָ, גענוג איבער-געבליבען פון פורים. פלאָמענצימעס איז אויך דאָ. נישט פאַרזינדיגען! פאר נוים קען מען נאָך צומאכען א קאָמפּאָט פון עפּעל. לאָזען זייא עסען! אויף יענעמס חשבון עסען זייא מיט אפּעטיט.

דוואָסיע. צוועטצעטרהיט, רבוני של-עולם! א פרעסען אביסיל!... נאָר, היישרעקען, טפו! (זיא לויפט ארויס).

שפּרינצע. משקה דאָס איז שוין שמחה'ס זאך. נוא און ווייטער גאָרנישט... (ר' אֶליה קומט ארייַן, דערלאנגט א שמיר דיא מזוזה מיט אלע פינגער און קושט זייא דערנאָך מיט א זיפצעלע).

ר' אֶליה. א גאָט העלף! (בעטראכט פון פאָרענט און פון הינטען דיא פּאָלעס פון דער קאַפּאָטע) נוא, גוט פאַרדריפּעט!

שפּרינצע (צוקוקענדיג זיך צו ר' אֶליהן) גאָר א נעבטינער, א פּורימדיגער שלומפער?

ר' אליה. אי! ערשט נולד געוואָרען היינט, געהענדיג אהער... און לסוף, אייערען א-פנים ווייטער נישט געטראָפען. אָווא, א מעשה, א מעשה!... האָב שוין אזא מזל עפּים האָב איך. לויף, לויף און מעשה-שטן נעראָטה מיר נישט צוהאפּען אייערען, טיפליך ארייַנלאָזען זיך מיט איהם מכח איין-ענין. טרעף איך איהם א מאָל שוין יאָ און געהם מיך צום שמיעס גאנץ ברייטליך, טראָגט דער רוח אָן דעם, יענעם און בלייב אלץ פון פאָרענט בלייב איך. אָווא, א מעשה, א מעשה!

שפּרינצע. מיינער איז אביסיל פאַרנומען. נאָר איך וועל איהם זאָגען. זיטצט דערווייל, ר' אֶליה, אויב איהר האָט צייט! (זיא געהט).

ר' אֶליה (אליין. זיטצענדיג זיך אויף א ביינקעל) אויב איהר האָט צייט? — א שאלה אביסיל! מיינע קאנטאָרען דיא גרויסע! (ער גענעצט)

אַהו-הוך!... יאָ, גערעכט פייבוש! פאַר שפּרינצען איז חיות מיט א וואָרט... היינט בלי נדר מאַך איך שוין קיין הַקדמות, הויב גלייך אָן דעם עסק: אידר ר׳ שמחה זענט ר׳ שמחה אונ ר׳ יוסיל פינטשעווער—יוסיל פינטשעווער. זאָל זיין מיט מזל!... (ער הייבט זיך אויפן ביינקעל) איך זיטץ ווי אויף שפּילקעס. אַח-האַ-האָ, דיא זאַך זאָל שוין האָבען א סוף! נישטאָ בייא מיר קיין גראָשען... (ער שטעהט אויף אונ הערט-זיך צו) דאַכט זיך ווי עפּיס טריט, האַ? (ער געהט אונ שטעלט זיך הארט לעבין דער טהיר צוהערענדיג זיך) געלויבט איז גאָט! פאַהרט אויף שמחהן מיך אויסגעוואָרט.

פייבוש (גיט ביים עפענען פלוצלים דיא טהיר א שטופּ ר׳ אֶליהן אויף עטליכע טריט ווייט) אָווּאַ, ר׳ אליה!

ר׳ אֶליה (פאַרגאַפּט) עפּיס נאָר אומגעריכט! וויא קומט אידר אהער?... איך האָב נישקשה אין זינען מיין זאַך.

פייבוש. ניכער ר׳ אליה! שוין אפאָר שעה זוך איך אייך. גיכער צו יוסיל פינטשעווער! עפּיס מאַכט ער פוילע תנועות. מען בעדאַרף צו איהם האָבען אייער פה קדוש.

ר׳ אֶליה. וואַרט דאָך שמחהן וואַרט איך. אַט קומט ער, הויב איך גלייך אָן עסק.

פייבוש. מַענהט נישט אונ געהט. שמחהן לאָזט שוין איבער אויף מיר.—באָם איהר טרעפט איהם נישט אין דער היים זאָלט אידר זיך אנידער זעטצען אויף אייער חֲזָקה-אָרט ביים קלייטעל אונ וואַרטען... (צו-פיהרענדיג ר׳ אֶליהן צו דער טהיר) אָט אזוי, אזוי.—עפּיס שווישטשעט בייא אייך א שוך אונ מיאוס געעפענט א מויל! דאָס שווישטשעט ער אויף נייע. גאָט וועט העלפען!... געדט זייט מוחל געזונטערהייט.

ר׳ אֶליה (קראַצט זיך אין קאָפּ) אָווּאַ, עס געהט א שלאַקס רעגען! נאָר אֵין ברירה. (ער געהט ארויס).

פייבוש (מאַכט מיט אלע צעהן פינגער א לאַנגע נאָז) פישטש, קירה, א גרויסער פלאָקענשיסער!... אוים שותפות ר׳ אֶליה!—

פינפטע סצענע.

שִׂמְחָה, פַייבוּש דערנאָך מֶענְדִיל.

שמחה (ביים אריינקומען שטאַרק פאַרוואונדערט) ווייס איך וואָס זיא זאָגט דאָרט... ר׳ אֶליה!

פייבוש. איהר מיינט פייבוש!... ר' שמחה. א היבשע צייט מאקי דאָ נישט געוועזן. וואָס-זשע מאַכט איהר ר' שמחהניו? איך האָב שוין נאָך אייך געבייגקט, בגאָמנות! עס גלוסט זיך א מאָל הערען א קלוג וואָרט און ריידען מיט א גוטען, עדעליבּען מענשען. אוי, איז היינט א וועלט! דוהך שקר.

שמחה. זעהט איהר, דאָס גראָד זאָגט איהר איין אמת.

פייבוש. וואָס דען? — איך קען קיין עולות נישט ליידען. דאָס היינטיגע שרייען אין קלויז איז דאָך נאָר געווען פּע, חולשה-חלשות! אין גאנצען איז דאָך עס איין אָנגעשטעלטע זאַך, איינער האָט אונטערגעהידעט. איך ווייס נישקשה.

שמחה (זעמצענדיג זיך) זיצט ר' פייבוש! זעהט איהר, דאָס איז דאָך מיר מאקי שטארק געלעגען צו-חיסען.

פייבוש (פאַרבייגט דיא פּאָלע און זעטצט זיך פאַמעליך לעבין שמחהן) מילא וואָס מאַכט עס אויס, אז יענער טאַראַאַמט דאָרט! ר' שמחה נישקשה וועט בלייבען ר' שמחה. פאַרקעהרט. יענער דרעהט לַהָעה און גאָטעניו דרעהט דווקא נאָר לטובה... מיר האָבען מכח דעם געגנת גע-שמיעסט בייא ר' יוחנצען, זאָל לעבין. — איך בין געווען דאָרט מנחם אָבל זיין, איהר ווייסט דאָך, ר' האסקילעס וויב איז לא-עליכם געשטאָרבען פון א קינפעט מיט א צוויליגגיל. — וואָס פאַר א פּלי-שְׁלֵמָה דער ר' האסקילי איז! מאקי ר' יוחנצעס א זוהן און דעם אלטען רב'ס איין אייניקעל. א קאָמאָוועס אזא משפחה. לוימער בערען!... וואָס פאַר א גָוע אזעלכע צווייגעליך. דאָס ווערצעלע מאַכט זעהר פּיל אויס. האָ?

שמחה (פאַרטראַכט מיט א זיפץ) אוי מאַכט ער מיר אויס, מאַכט דאָס ווערצעלע אויס! ווען ר' יוחנצע זאָל ווערען הע-הע!

פייבוש. בְּקִן שֶׁלִי, ר' יוחנצע איז אייך זעהר גוט און וויל... וויל אייער טובה גאנץ שטארק. נאָר, לאָזט זיך דינען, ר' שמחה, אביסיל געוועזענט זיך עס אָבער אין אייך... יאָ, האָבען מיר מכח דעם געשמיעסט. מכח דעם, פאַרשטעהט איהר, וויא גאָטעניו דרעהט זיין וועלטיל. עס דרעהט זיך אמאָל גאָר אויס לְהֵפֶך... אין דעם טיפען שמיעס איז ארויף גראָד דאָס א שטיינער, וויא גאָטעניו קען מען קיין קשיות נישט פרעגען. דאכט זיך איהר האָט דאָך געמאָן א שידוך און לסוף... איז נאָר אין הימעל אויסגערופען געוואָרען עפּיס אנדערש. בת שמחה לבן-פלוני!...

שמחה. פאַרקריכט נישט, ר' פייבוש, אין זייטיגע זאַכען. עדינט בעסער מכח דעם שמיעס דאָרט בייא ר' יוחנצען. וואָס פאָרט זאָגט ר' יוחנצע? ער כּתי, געוואלד, ווער מען מיך אזוי קוועטשען? — אוי, ר' יוחנצע זאָל ווערען!...

פ ײ ב ו ש. ער װיל, װיא איך בין א יוד!... אַט װאָס מיר האָבען געשמיעסט. לאָזט זיך נאָר דינען ר׳ שמחה. מיט עטליכע יאָהר צוריק האָט איהר געהאַט איין אויג אויף א חאַסקילין. װאָס מאַכט זיך אָבער? קומט איינער און חאַפּט איהם פלוצלים אויס. ער האָט חתונה, און אייער רײזילי װערד א כלה פאַר איין אנדערען. װאָס זשע טהוט נאַטעניו? גאָר א קליין דרעהעלע! אזוי: דוא, רײזיקים חתן, זײא א כפרה פאַר ר׳ חאַסקילין, און דוא, ר׳ חאַסקילים װײב — א כפרה נעביך פאַר רײזילין. װאָרום אויבען איז בעשיינפּערליך אָנגעהתמעט געװען: ר׳ חאַסקילים װײב זאָל אין דעם יאָהר געלעגען װערען מיט א צװילינגיל און שטאַרבען. נִמְצָא, װען עס זאָל זיין װיא איך האָט אין דער הַתְחָלָה זיך געגלוסט, װאָלט דאָך רײזילי געװינען דאָס צװילינגיל און געשטאָרבען!... אצינד זעהט מען טאַקי קלאָהר ארויס דעם נס, דיא חידושים הבורא... גאַנץ קלאָהר װיא דער טאָג, סְ׳איז א זיווג משמים. פאַרשטעהט איהר, ר׳ שמחה?

ש מ ח ה. אצינד הויב איך שוין אָן אביסיל צופאַרשטעהן. אהא!... נאָר װאָס העלפט עס אָבער, עפּיס איז דאָך דאָ א װײב אויך, א טאָכטער, װאָס... (מענדיל קומט אריין) מענדיל! מאַך אין שטוב א שטיקעל סדר צו דער היינטיגער אסיפה.

מ ע נ ד י ל. איהר הייסט מיר אין שטוב און דיא בעל-הביתטע — אין קעך. זאָל איך מיך צוריסען?

פ ײ ב ו ש. חלעבין, ר׳ שמחה, איך װעל דאָ בלייבען און אביסיל צוהעלפען. דאַנקט נאָר נישט, דאַנקט נישט ר׳ שמחה! װאָס מאַכט עס אויס... עט, נישקשה... היימישע מענשען. הלװאי אויף שמחות, בײא אייער טאָכטער אויף דער חתונה!

ש מ ח ה (מאַכענדיג מיט דיא אַקסלען) הים-הום... טאַ... קום, מענדיל, נעהם זיך צו דיין זאַך. (שמחה און מענדיל נעהען ארויס).

זעקסטע סצענע.

פייבוש, מֶעֶנְדיל, דערנאָך דְוואַסְיֶע.

פ ײ ב ו ש (ארומקוקענדיג זיך) איך בין דאָ!... דאָ, ברוך השם, מיטביידע פיס!... היום הרת עולם, אויף היינט שטעהט דיא װעלט. מיין טויט זאָל דאָ זיין, געה איך פון דאַנען נישט אװעק ביז מיר ארבייטען עס נישט אָפּ מיטן קנאַק. — שמחה, נישקשה, איז גוט איינגעשפּאַנט און ר׳ יוחנצע, זאָל לעבען, איז א גוטער שמייסער... הכלל ס׳איז רעכט. און קודם-כל, מיין איך, װאָלט אֶפשר נישט קרום געװען חאַפּען בֵּינְתַּיִם א

מנחה. (ער רייבט דיא פֿינגער אויף דעם פֿענסטער; דיא טהיר עפֿענט זיך דערווייל פלוצלים אויף אין קאָראַדאָר אריין, פֿון וואנען עס זעהט זיך א לאנגער טיש).

מענדיל (שטעהענדיג אין דער טהיר) זיים-זשע מוחל, ר׳ פֿייבוש! וואו זענט איהר ערגיץ?

פֿייבוש. תיכף, מענדיל, דיא רגע. האָב נאָר אביסיל ציים (ער פֿארשטעקט דיא פאָלעס אונ פֿארקאטשעט דיא ארבעל) נוא, אצינד בין איך פֿארטיג. דוא, מענדיל, נעה אין קאָראַדאָר פֿון יענער זייט, אונ איך וועל א נעהם טאָן דאָ. געהט עס וויא א מזמור.

מענדיל (שטופענדיג דעם טיש מיט כח) א ביינ אביסיל אין דער זייט, ר׳ פֿייבוש! נוא, גיט איהר דאַרט א דרעה?

פֿייבוש (שפרינגט אהין, אהער, קוועטשענדיג זיך וויא ער רייסט איין דאָס געזונט) א שאלה אביסיל אויב איך גיב׳א דרעה! אַי דרעה איך... עס געהט אָבער עפּיס נישט. פריוו נאָר דוא דאָרט נעבען א דרעה!

מענדיל. אונ איהר האלט נאָר בייא אייך דאָרט שטארק מיט ביידע הענט! (דער עק טיש הויבט זיך הויך אויף אין דער טהיר אונ פֿאלט באלד טאַקי אראָפּ) פֿאר וואָס-זשע פֿאלט עס בייא אייך, ר׳ פֿייבוש, אראָפּ?

פֿייבוש (קוועטשענדיג זיך קלאָמפערשט וויא ער טהוט) אודאי פֿאלט בייא מיר אראָפּ! ס׳איז נאָר הארב דאָס אויפהייבען. פריוו נאָר נאָך א מאָל, אָבער מיט אלע כוחות. אָדער ווייסט-דוא נאָר וואָס, געה דוא אהער אונ שלעפּ, איך וועל געהן אהין אונטערשטופּען. (פֿייבוש נעהט ארויס אונ מענדיל קומט אריין).

מענדיל (שלעפּענדיג מיט אלע קרעפֿטען) איין ביינ, חאַטש איין ביינעלע אין דער זייט! (פֿוגם קאָראַדאָר הערט זיך א קוועטשעניש וויא פֿייבוש סאָפּעט אונ גיט אונטער חשק. פלוצלים ריקט זיך דער טיש אריין מיט אימפעט אונ ווארפֿט מענדלין אום).

פֿייבוש (אריינקומענדיג) אָווא! איך בין אָסור נישט שולדיג. דאָס איז זיא... בייא מיר האָט זיך עס געריקט נאָר מחיה, בעדארף זיא זיך ארייננמישען אונ דערלאנגען אזא שטופּ.

דוואָסיע (ווייזענדיג זיך אין טהיר מיט א גלעלבטער) האָסטו גע־הערט, א שעה זאָל מען זיך באָברען ארום א טיש! רעבט אויף דיר, רעבט. ברעך פֿון מינטוועגען דעם קארק.

מענדיל. גלויבט איהר נישט, ר׳ פֿייבוש! ווייבער האָבען ליב תמיד זיך פֿארשטעלען. לאָבען קלאָמפערשט ווען עס ווייגט זייא דאָס הארץ. — דוואָסניו, איך האָב דערקענט דיין שטופּ! שוין נישט דאָס ערשטע מאָל. געה האָטש הויב מיך אויף אונ טהוא מיך א קיש!

ד ו ו אָ ס י ע. אָט צוּואָג איך מיך! אזא גרויסע מכה זאָל דיר זיך זעטצען וויא נרוים דוא ווערסט דארויף ווארטען.

פֿ י י ב ו ש. גוא, מענדיל, טהוא איהר היינטיגס מאָל צוליב אונ שטעה אליין אויף. ביים אנדערען וואָרף-טאָן דיך וועט זיא שוין מיט איהרע אייגענע בְּשֶׂרֶע הענט דיך אויפֿהויבען.

מ ע נ ד י ל (אויפֿשטעהענדיג) הלוואי פֿון אייער מויל אין דוואָסיעס אויערען אריין! זאָג דוואָסעניו אָמן! — זעהט איהר, זיא שווייגט, אז איהר ווילט זיך נאָר א יחוס שידוך, א בחוריל מיט א אויסגעווייקט פֶּניציל.

ד ו ו אָ ס י ע. איך שטעה מיר דאָ אונ קוק וויא ער מאַכט זיך משוגע אונ דערווייל קען דאָרט דאָס טעפיל אויסלויפֿען! אויסלויפֿען זאָל דיר דיא נשמה, ימח-שמוניק איינער! (זיא לויפֿט ארוים).

~~~~~~~~~~~~~~

זיבעטע סצענע.

פַייבּוּשׁ, מֶענְדִיל, שְׁפְּרִינְצֶע אַ שַׁמֶשׁ אונ שִׂמְחָה.

פֿ י י ב ו ש (האלטענדיג זיך אין דיא זייטען מיט פֿארקאטשעטע ארבעל אונ פֿארשטעקטע פאָלעס) נוא, האָבען מיר שוין, ברוך-השם, דעם טיש אויך אריינגעטראָגען, האָבען מיר.

מ ע נ ד י ל (באָברענדיג זיך ארום דעם גרויסען טיש) נעהמט, ר׳ פֿייבוש, אָט דעם טישעלע פֿון מיטען שטוב אונ שטעלט עס אין ווינקעל דאָרט.

פֿ י י ב ו ש (צולויפֿענדיג צום ווינקעל) האָסט א טָעות. מענדיל, עס וועט נישט געהן. פּריוו אדרבה ווערסט-דוא זעהן. — הערסטו וואָס איך וועל דיר זאָגען, דוואָסיע איז גאָר דאָס וואוילע מיידיל!

מ ע נ ד י ל (אנידערשטעלענדיג דאָס טישעלע אין ווינקעל) עס שטעהט דאַכט זיך גאנץ נוט.

פֿ י י ב ו ש. טאקי באמת גאָר נישקשהדיג, וויא איך בין א יוד! — נוא, האָבען מיר שוין דעם טישעל אויך אנידערגעשטעלט. — מען בעדארף זיך א נעהם טאָן צו דוואָסיען.

מ ע נ ד י ל (אויסדרעהענדיג דעם גרויסען טיש פֿון איין זייט) דאַכט זיך, דיא זייט שטעהט גליך. — אדרבה פּריווט זיך, ר׳ פֿייבוש.

פֿ י י ב ו ש (א רוק געבענדיג דעם טיש גאָר בַּאֲלַכְסוֹן) אצינד, מענדיל, אביסיל א רוק פֿון דיין זייט. — פֿון דוואָסיעס זייט, זאָג איך דיר, וועט שוין, אם-ירצה-השם, זיך אָנהויבען צוריקען.
~~~~~~~~~~~~~~

מענדיל (אויסגלייכענדיג אין פייבושעס זייט) אבי נישט קרום חלילה ווי דער טיש.

פייבוש (א שטופ-געבענדיג אומגערען דעם אנדערען עק טיש) קרום, חלילה, קען נאר בייא מיר נישט זיין. איך האב שוין דערצו מיינע מיטעל. (א קראטץ הינטערען קאלנער) אז מען זוכט געפינט מען.

מענדיל. דאס וואס איהר, ר' פייבוש, געפינט, איז אייער סוד, בייא אייך בלייב עס. איך אבער געפין, אז בייא אייך מחילה איז פאפערק. מיר שפארען שוין אן לעבין דער טהיר. (שפרינצע קומט אריין)

שפרינצע. א, ר' פייבוש, ווי איהר ארבייט נעביך אונ זיך אזוי מטריח!

פייבוש. עט... נישקשה, מילא?... הלוואי אויף שמחות איינער צום אנדערען!

שפרינצע. אמן, רבוני של עולם! — פארט איין אלטער גוטער פריינד... עפיס רופט אייך רייזילי.

פייבוש. תיכף, איך וועל נאר גוט שטעלען דעם טיש, (דרעהט זיך אהין, אהער טאפענדיג זיך בייא די פאלעס בשעת מענדיל ארבייט זיין זאך) נוא, געפטרט, ברוך-השם, נאך א שווערע מלאכה. דער טיש שטעהט בייא מיר אייזענפעסט. (ער נעהט ארוים אונ באלד דארויף קומט דעם רב'ס שמש אריין).

דער שמש. צו ר' שמחהלין! וואו איז ר' שמחהלע?

שפרינצע. ניכער, מענדיל, געה שיק אריין דעם בעל-הבית! (מענדיל געהט).

דער שמש (קרימענדיג זיך) טע... יחוד מיט א נקבה (ער קריכט ארויף גיך אויבענאן, קעהרט זיך אום צו שפרינצען מיט דעם ריקען אונ מיט דעם פנים צום פענסטער).

שמחה (אריינקומענדיג) וואס וועט איהר, שמש, זאגען עפיס גוטס?

דער שמש (קעהרט זיך אום אונ נעהמט פונם בוזעם ארויס א פאקעט) נאט, ר' שמחהלי! דער רבי שיקט אייך אט דאס אונ געלאזט שיין בעטען, מוחל צוזיין פון זיך שוין א ידיעה געבען ווען מען בע־דארף, האט געלאזט זאגען אזוי דער רבי, (שמחה ריקט דעם שמש אין דער האנד אריין א מטבע, ער בעטאפט זיא מיט דער האנד אונ געהט).

אכטע סצענע.

שִׂמְחָה, שְׁפְּרִינְצֶע, דערנאָך פַּייבוּש מיט ר׳ יוֹחָנָנְצֶען און די נְגִידִים.

שמחה (נעמט, זעטצענדיג זיך, ארויס פֿונם פאקעט א בריף, אין וועלכֿען ער קוקט מאכֿענדיג מיט דיא אקסלען) דאָס איז עפּיס גאָר צו רייזילין א בריף.

שפּרינצע (א האפּ געבענדיג זיך) אוודאי פֿון אלכסנדרין! געלויבט איז גאָט, איך לויף אָנזאָגען רייזילין! (זיך-האפּענדיג באלד צוריק) זאָג נאָר גיכֿער איז ער געזונד? — גיכֿער!

שמחה. שאַ, אָהן רעש! וואָס איז דאָ אויף דיר אזא פֿרייד? אַי, שפּרינצע, שפּרינצע, האָסט-דוא מיר נעקויפֿט מפטיר!...

שפּרינצע. נענוג גערעדט, מען האָט שוין געהערט! אצינד קומט איהם אויס צודרשֶׁהנען בשעת איך חאלעש הערען א וואָרט. אָט לייען, לייען בעסער.

שמחה. אַי, שפּרינצע, דוא זאָלסט וויסען מיינע ביטערע... נאָר לאָמיך בעסער שווייגען. (ער גיט א מאך מיט דער האנד און לייענט איבער-היפּערענדיג): „אצינד, מיין רייזילי, איז האלבע נאכֿט... מיט געוועהר אין דיא הענט שלאָפֿט איצט דיא קאָמאנדע אויסצורוהען אביסיל גאָך אזוי פֿיל טעג מיה... קוילען זענין געפֿלויגען... אין דונערען און בליטצען פֿון פֿייערשפּייענדיגע הארמאטעס האָט דער מלאך-המות... שוועבענדיג אויף פֿליהענדיגע באָמבעס געקיילעט... מאָרגען נעהמט דיא גרויסע מלחמה פֿאר שיפּקע! און נישט איינעם גאָר פֿון דיא דאָזיגע שלאָפֿענדיע אצינד וועט מאָרגען... רייזילי! איך רעד איצט אין דעם דאָזיגען בריף מיט דיר, אין דער האָפֿנונג, אז ווען דיא קויל טרעפֿט מיך, וועט ער דיר דערצעהלען וויא שטארק ליב״. — מילא נוא, עס געהער נישט צום ענין. — „אין דיא לעטצטע מינוטען פֿון מיין לעבען האָב איך געדיינקט נאָר פֿון דיר...״

שפּרינצע (ווישט דיא אויגען) רייזילי וועט נעבך צוגעהן הערענ-דיג. אבֿי גאָט האָט איהם ביז אהער אויסגעהיט... נוא, ווייטער, שמחה! וואָס שרייבט ער ווייטער?

שמחה. ווייטער איז שוין זייערע זאכֿענישען. נארעשקייטען... צו דיר איז אויך דאָ א געריס נאָר פֿריינטליך. פֿרעה זיך מאמע! (ער נעהמט נאָך א בריף פֿונם פאקעט און בשעת מעשה פֿאלט פֿון דאָרט ארויס א פֿאָטאָגראפֿיש בילד.

שפּרינצע. הא, רייזילס בילד!... שמחה, דוא ביסט בלייך, וועה איז מיר! לייען נאָר הויך, וואָס לייענט ער עס עפּיס שטיל פֿאר זיך!

שמחה. בערוהיג דיך שפּרינצע! האָב נאָר אביסיל צייט!

שפרינצע. שמחה לייען!... לייען, וואָרים אָט האַלעש איך אויפֿן אָרט.

שמחה. איך לייען. נאָר שאַ, למען-השם שאַ! — דאָס שרייבט דער רישטשוקער רב פֿון בולגאַריא צו אונזערען, אזוי: „איך שֶבָא, געקומען לקהילתנו א זעלנער מאַחינו בני ישראֵל, א יונגער מאַן און רחמנא ליצלן חָרֵב געוואָרען, והיהודים פֿון מיין קהילה רחמנים בני רחמנים האָבען איהם אריינגענומען אין בקור-חולים, ושם איז ער געלעגען, לא עליכם אין א היטצינער חולַאת אָהן לשון און מטושטש...“

שפרינצע (נישט מיט אידר קול) דאָס גוטע בריוועלע, וועה מיינע יאָהרען! — וויטער שמחה לייען, ביז דעם סוף.

שמחה. אָבער איך בעט דיך, שפרינצעניו, שאַ!... (ער לייענט און שטאַמעלט) „ואחר פטי-טירתו האָט מען געפונען אָצלו בריף, פֿון וועלכע מען זעהט בחוש אז ער איז מבני קהילתכם, האָט דאָרט פֿאָטער און מוטער וגם א כלה, וואָס אידר כילד איז רצוף בזה, לכן טהוא איך הכֹל, וואָס אויף מיר איז מוטל און שיק לכבודו אלסדינג אריין, בכדי כבודו זאָל מצדו א ידיעה געבען לקרוביו און וויסען אֵיך להתנהג“.

שפרינצע (ברעכט דיא הענט) א שלאַק האָט מיך געטראָפֿען, רייזילי! — פֿאַרשפילט אזא טהייערע נשמה! שמחה, אוי נישט גוט!...

שמחה (חאַפּט ארום שפרינצען) שפרינצע, אָ שפרינצעניו, לאָז דיך נישט אָפּ! אין שטוב, ווילסט-דוא, זאָל ווערען א צונויפֿלויפֿעניש און רייזילי זאָל זיך דערוויסען פלוצלים?

שפרינצע. אוי, איך וועל מיך איינהאַלטען, זיך ווערגען, שטי-קען אין מיר!... (זיא חליפעט און נעהמט גיך ארוים).

שמחה (מיט א זיפֿץ) ברוך דיין אֶמת!... גאָטעניו דרעהט זיין וועלטיל, וויא פֿייבוש זאָגט. (פֿאַרטראַכט) אוי, דרעהט פֿייבוש זיין וועלטיל! און קלאָמפּערשט אלץ וויא נאָט זאָגט... (ער וויל געהען און בעגעגענט זיך לעבין דער טהיר מיט ר׳ יוחנצען און פֿייבושין) א, ברוך הבא ר׳ יוחנצע! דער ערשטער און דער בעסטער. — זיטצט, זייט מוחל! איך וועל נאָר אויף א ווײלע ארויסגעהן. עפּיס קרימט זיך מיין ווייב און איז לא עליכם אביסיל לא עליכם׳דיג. (ער געהט).

פֿייבוש. אַי, וואָס פֿאַר א פאַנטאָפֿעל-מאַן דער שמחה איז! דאס ווייב, א געלעכטער חלעבין, האָט בייא איהם א דעה!...

ר׳ יוחנצע. בייא אלע עַמי-הארצים איז דאָס ווייב א גאַנצע חשֻבה... שמחה, דער עם הארץ, זאָגט אידר, קוויינקעלט זיך נאָך! — ווער איז ער און ווער — איך? (ער מאַכט א קילאַק) אָט דאָ ליגט ער בייא מיר! וויל איך ווערד מאָרגען פֿון איהם תל. פֿאַרשטעהט איהר?

פ י י ב ו ש. דאָס מאקי מיין איך זאָלט איהר איהם היינט דאָ גוט אָנצוהערעניש געבען, אז ער זאָל פֿיהלען אונ צאפלען צו טאָן. אויף דער אסיפה בעדארפֿט איהר זיין אהין נישט אהער, אהער נישט אהין, עפּיס מיט א דריידיל, פֿארשטעהט איהר?... (אונטערוואָרמענדיג ר׳ יוחנצען) ר׳ חאסקילי אייערער וועט אין א שמאלץ-גרוב זיך אריינחאפּען אונ אויסגלייכען דיא ביינער נאָך אזוי פֿיל דחקות נעביך. שפּרינצע איז א וואוילע בעל-הביתטע. א שטוב איז בייא איהר פֿון אלעם גוטען אונ אידרע וואָרעניקעס שֻׁמִין דיא וועלט... ר׳ חאסקילי נישקשה וועט האָבען גוטע קעסט! (שמחה קומט אריין אינ נעהמט זיך אָנצינדען ליכט אין זילבערנע לייכטער. פֿייבוש חאפּט זיך העלפֿען אונ ווארפֿט אראָפּ א לייכטער. באלד דארויף קומען אָן דיא נגידים).

ש מ ח ה (לויפֿענדיג זייא אקעגען) א, ברוך-הבא ר׳ שמעלקי! ברוך-הבא ר׳ טודיסיל! ר׳ העניך! ר׳ סענדעריל! ר׳ לייבעלע! ברוכים הבאים, ברוכים הבאים!

נײנטע סצענע.

דיא נְגִידִים, ר׳ יוֹחָנְצֶע אונ שִׂמְחָה זיטצען ארום טיש. פַּייבוּש דרעהט זיך ארום וויא ער איז שטארק בעשעפֿטיגט, ווארפֿט זיך אין אלע זייטען אונ טהוט לחלוטין גאָרנישט.

ר׳ ס ע נ ד ע ר י ל. הָבָה נִתְחַכְּמָה רבותי! וואָס טהוט מען מיט דיא עזות-פנימער?

דיא נ ג י ד י ם (אלע אין איין קול אונ איטליכער רעדט זיינס) מען קען נישט אראָפּלאָזען! — מיר קומט אויף דער באָד!! — צווייא שוחטים נייע מוז מען צונעהמען! — פֿארקעהרט, מען מעג נאָך דעם מקח נישקשה ארויפֿציהען! — וואָס מיר עולם? ווען מיר עולם! — נארישע זאבען חלעבין! — פּישש! — לאָזט זיך דינען, לאָזט זיך דינען! — וואָס מויג מיר דאָ הַמְצָאוֹת! — צווייא קאָפּיקעס איז חלעבין ביושר! — פֿאָלגט מיך! — ניין, ניין! — פֿארקעהרט, אדרבה! דרייא!

ש מ ח ה. בעטראכט רבותי מיין לאגע. דערווייל לייד איך אונ אין גאנצען לאָזט זיך עס אויס צו מיין קאָפּ.

דיא נ ג י ד י ם. איז אייך שלעכט, זאָגט-זשע זיך אָפּ.

ש מ ח ה. חאָטש מאָרגענדיגען טאָג! בעפֿרייעט מיר נאָר מיין זאלאָג. (צו ר׳ יוחנצען) ר׳ יוחנצע, איהר פֿארשטעהט דאָך יאָ איין עסק, בעטראכט אדרבה דיא זאך ארום אונ זאָגט, איך בעט אייך.

ר׳ יוחנצע (קנייטשט זיך בע... א שווערע הֲלָכָה...

שמחה. מיר איז שלעכט פֿון אלע זייטען. עס קומט דאָך מיר אויס בדלות צו ווערען. — איך לאָז אייך דאָ איבער, איהר זאָלט אייך גוט מַיַשב זיין (ער געהט ארויס).

ר׳ שמעלקי. נישקשה, לאָז ער זיך טאקי אָפּזאָגען וועלען זיין, פֿארשטעהט איהר מיך, פּאָפּעטשיטעלעס. וויא מיינט איהר, ר׳ יוחנצע?

ר׳ יוחנצע (נעהמענדיג זיך ביים בערדיל) בע... שמיעסט מען אין תּוך אריין זענט איהר פּאָפּעטשיטעלעס זעהר גוטע. מהיכא-תיתי... נאָר לאָמיר שמיעסין פֿארקעהרט, איז דאָך דיא קשיא גאָר פֿון אויבען אויף: זעלט עס אנדערש זיין אזוי... וויא-זשע ווערד מען פּטור שמחהן! אָלא וואָס דען וועט איהר ענטפֿערען: עולם! לאָז דער עולם טאקי שרייען געוואלד, וועט ער שוין מוזען... פֿארשטעהט איהר מיך, בלייבט דאָך צוריק דיא קשיא: וויא איז דער דין אז ער ווערד א כופר בעיקר, דאָס הייסט, ער זאָגט דער שטאָדט, איהר פֿארשטעהט דאָך ווען איך מיין, גאָר נראָב: נעשמיע אייך פֿאר פֿול! וואָס פֿאר א מחותנים זענט איהר מיט דער טאקסע? — איז דאָך טאקי נישט קיין גוטער משא ומתן... גישמער מען בעדארף זיך גוט מישב זיין. מיר וועלען זעהן. (צווישן דיא נגידים ווערד א געזושעריא. פֿייבוש געהט צו פּאמעליך צו ר׳ יוחנצען, רייםט איהם איין אין אויער און נעהען ביידע צו דער טהיר).

פֿייבוש. שמחה רופֿט אייך אויף א וואָרט. זעדט-זשע ר׳ יוחנצע, אצינד איז דיא רעכטע צייט. ווייזט איהם דאָרט דאָס ביישעל און גיט איהם א קוועטש וועט ער זיך אָנחאפּען מיט הענט און פֿים. — לאָז ר׳ חאסקילי זיך אריינחאפּען אין א שמאלץ-גרוב! (ר׳ יוחנצע געהט ארויס).

ר׳ טודרוסיל (אָפּפֿיהרענדיג ר׳ שמעלקען פֿונם טיש אין דער זייט) באַם עס וועט בלייבען פּאָפּעטשיטעלעס בעט איך אייך אין זינען צוהאָבען, מיך אויך אין דעם צעטיל אריינצושטעלען. (זייא נעהען צוריק צום טיש).

ר׳ סענדעריל (אָפּפֿיהרענדיג ר׳ לייבעלען אין דער זייט) פֿארגעסט נאָר נישט, איך בעט אייך, אז איך בין שוין א מאָל אויך געווען פּאָפּע-טשיטעל את בין דער שטאָדט שטארק צוניטץ געקומען. מיין גאנץ לעבען ארבייט איך אלץ לטובת הכלל, לטובת הכלל... (זייא נעהען צוריק צום טיש. שמחה און ר׳ יוחנצע קומען אריין, פֿייבוש געהט צו זייא נאָהענט צו).

שמחה. לאָז עס נאָר בלייבען בסוד, ר׳ יוחנצע, ביז איך וועל פֿארטיג ווערען מיט מיין ווייב. אונזער תקיעת-כף איז היליג.

פֿייבוש. מזל טוב, ר׳ שמחה! מזל טוב ר׳ יוחנצע!... איהר האָט ביידע חלעבין נעטראָפֿען. אזעלכע צווייא לייטישע מְחוּתָּנים! (ר׳ יוחנצע

ווינקט צו שמחהן. שמחה גֶעהט ארויס און ער גֶעהט און זעטצט זיך ביים טיש).

ר' יוחנצע. מסתמא בין איך נערעכט! איך האָב א טאפּ געטאָן דאָרט שמחהן און זעה ארויס, וויא באלד מען ציהט איבער דעם בוינען איז ער מוכן ומזומן איך ענטפערען קוממיות...

דיא נגידים (אין איין קול) אזוי!... ער וויל געהן אקעגען א שטאָדט!

ר' יוחנצע. שטאָדט, זאָגט ער, הייסט בייא מיר דער עולם, נישט עטליכע נגידים...

ר' סענדעריל (קנייטשט דעם שטערען) וויא באלד אזוי... נישט איבערציהען... מוז מען אצינד, פֿארשטעהט איהר? שוין זעהען עפּיס א מיטעל וויא דעם עולם לעת-עתה איינצוגעהמען. און א סגולה צום עולם קען נאָר געבען איין ר' יוחנצע.

ר' יוחנצע (דרעהענדיג דאָס בערדיל) מיין זיידע, זכותו יגן עלינו, פֿלעגט אלץ מאכען, געדיינק איך, כהאי לישנא: בע... עולם-גולם. — צוקייעט מען דיא דאָזיגע הייליגע ווערטער פֿיהלט מען וויא זיא זיא זענין. ר' ליב שרה'ס גולם, א שטייגער, איז געגאנגען, געטאָן זיינע שליחות. האָט ער זשע דען געוואוסט וואָס ער טהוט? ניין! אין איהם האָט געארביים דער שם המפורש. קוים אוועקגעהמענדיג דעם שם-המפורש, איז ער געבליבען ליגען וויא א שטיק ליים. — דער עולם, פֿארשטעהט איהר מיך, איז אין תוך אריין א ליימענער, אָנגעמאָהלטער גולם. ער שרייעט, פּילדערט און פֿרעגט איהם בחדם וואָס... אין איהם ארביים עפּיס א שד, לצים אזוינע, נפשות, וואָס דרודלען איהם אָן. ס'איז נאָר א האָקום-פּאָקום. מען בעדארף, פֿארשטעהט איהר? דיא עטליכע לצים אוועקנעהמען ווערד שאָ. און צו יענע לצים איז דאָ א שפּרוך, גוטע באבסקע מיטעל — ממתקים מיין איך.

דיא נגידים. א, דרינען מוז מען זיך שוין ווענדען טאקי צו שמחהן. נעהמט, ר' יוחנצע, בייא איהם על חשבון. נישקשה!...

פייבוש (צוגעהענדיג צו דיא נגידים) דער בעל-הבית בעט דעם עולם אריינגעהן אין אנדערען חדר. מען בעדארף דאָ גרייטען צום טיש. (אלע געהען אין צווייטען חדר).

צעהנטע סצענע.

פֿייבוש, דוואָסיע און מענדיל.

דוואָסיע (גרייט צום טיש) מיט איהם איז נוט דיא הענט זיך צו-צו-פֿיהרען! וואו איז דער ימח-שמוניק ערגיץ מיט דיא טעלער?

פֿ י י ב ו ש (דרעהענדיג זיך ארום דוואָסיען) מיט איהם וואָלסט-דוא דאָך געוואוסט פֿון א לעבען צוזאָגען. דאָס טעלעריל פֿונם הימעל וואָלט ער דיר אראָפּגענומען.

מ ע נ ד י ל (אָנקומענדיג אויף דיא רייד מיט טעלער) און צוגעטראָגען דיר, דוואָסיעניו, פֿון פֿייגעלמילך.

פֿ י י ב ו ש (אָנגיסענדיג א כּוס) בראנפֿין וויל איך אליין נעהמען און לעקיך צום פֿארבייסען ווערסט דוא, דוואָסיע, שוין געבען (ער טרינקט); הער נאָר א מעשה, מענדיל האָט נאָר אליין נישט געוואוסט, אז ער האָט א פֿעטער אין אָרץ-ישראל! — (צו דוואָסיען) ער איז דאָך פֿונם ציטעס, גאָלע יחוס. בעסערס דערפֿון האָט דיין טאטע, ר׳ כתריאל, זיך נישט געקענט נאָר ווינשען (מיט א זיפֿץ מלא חניפה) אָט דאָס איז געווען א יוד! אזוינע יודען זענען היינט נאָר נישטאָ. אַי, האָט ער, עליו השלום מיך ליב גע-האָט! (מאַכענדיג מיט דער האנד ניט ער א שטופּ דעם טיש).

מ ע נ ד י ל. עפּיס גאָר אנייער ריק, ר׳ פֿייבוש, פּאָפּערעק אוש קיין אָרץ-ישראל!...

פֿ י י ב ו ש. וואָס דיר דאַכט זיך פּאָפּעריק איז דווקא גלייך. אָט ווערסט-דוא זעהן, מענדיל, וויא דוואָסיע גיט מיר היינט פֿארבייסען לעקיך.

ד ו ו אָ ס י ע. היינט איז שווערליך. פֿארבייסט דערווייל מיט דער צונג. (שמחה מיט דיא נגידים קומען אריין).

~~~~~~~~~~

עלפטע סצענע.

אלע זיטצען ארום טיש און עסען. דוואָסיע טראָגט אריין, מענדיל נעהמט צו בייא איהר און דערלאנגט צום טיש. פֿייבוש דרעהט זיך אהין-אהער, גלייך וויא ער סארווערט, פהוט איין טרונק בראנפֿין נאָכֿן אנדערען און חאפּט ביים וועג געהענדיג פֿון א פּאלימעשעק.

ר׳ י ו ח נ צ ע (האלטענדיג א כּוס אין דער האנד מיט פֿארגלאָצטע אויגען) לחיים! פּשוט טאקי... טיי-טע-טע-טיי לחיים! (ער זיפֿצט, גיט א זופּ און טרינקט דערנאָך מיט א מאָל אוים דעם כּוס).

דיא נ ג י ד י ם (זיפֿצענדיג) לחיים, לחיים אוי-אוי-אוי טאטע-פֿאָטער!
~~~~~~~~~~

פייבוש (פאלענדיג פון דיא פיס שלאָגט זיך אָן מיט מענדלין) נישקשה, מענדיל, פאל בייא זיך נישט אראָפ, עס וועט געהן!...

מענדיל. עפיס געהט עס היינט בייא איך אלץ באַלְכְסון אונ פלאָנטעט זיך פאר דיא פיס טאקי ניין אילען, פייבוש.

פייבוש (צולויפענדיג מיט אימפעט צום טיש אויף א קול לעבעדיג, וויא א מארשאלעק) דער בעל-שמחה בעט דעם עולם קיין פאראיבעל נישט צוהאָבען. אויף דער טאָכטערס חתונה אם ירצה-השם וועט ער פארבעסערען!

(פלוצלים לויפען אריין הענדום-פענדום פורים שפילער. אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ אין א מאנטיל פון איין אלטען פרוכת, אויפן קאָפ א מין היטעל פון געל פאפיר מיט פליטערליך. וַשְׁתִּי הַמַּלְכָּה מיט א סימן פון א בערדיל, אין א קורץ שמוטציג קליידעל, פון וועלכען עס קוקען ארוים גרויסע, גראָבע שטיוועל. ארום דעם האלז א שאל, צוגעבונדען מיט דיא עקען הינטען אויף דער פלייצע. אויפן קאָפ איין אָפגעבארעט שטרויען קאפעלישעל. — מָרְדְּכַי. אין א קאפטאן, אויפן קאָפ א מין שטריימעל מיט א לאנגער באָרד פון קליָאטשע. נעהט רייטענדיג אויף א הילצערען פערדיל, בעהאנגען מיט גלעקעליך. — הָמָן. אין א סאָלדאטסקען שענעל. אויפן קאָפ א דריי-עקעכדינער קראָפ פון צוקער-פאפיר. — דער לֶעקֶערְלוֹיפֶער אין שיך אונ זאָקען. דיא פאָלעס פארביינען. אויפן קאָפ א הויך פאפירען היטעל. א כלי-זמריל סקריפעט אויף א פידעלע אונ איינער נעהט מיט דיא טאצען. — דְוואָסְיֶע אונ מֶעְנְדִיל שטעהען לעבין דער טהיר אונ קייכען פאר געלעכטער).

מרדכי (יאָגט זיך ארום רייטענדיג, שאָקעלט מיט דעם בערדיל. דיא גלעקעליך קלינגען).

פליהון אויף דיא אֲחַשְׁתְּרָנִים טהוא איך טאָן,
אין א פורפעלוואָלענע זיפצע טהוא איך זיין אָנגעטאָן,
טהוא איך, טהוא איך, טהוא איך טאָן,
א שפרונג, א שפרונג אויבענאָן.

מענדיל (צו דוואָסיען) אויף דער אויבערשטער באנק אין באָד! דאָס איז בעריל דער שמיסער!

דוואָסיע (קייכענדיג פאר געלעכטער) מיינע צרות אויף אידר, אויף ושתי המלכה! דאָס איז לייזער דער בעהעלפער!

דער לעקערלויפער (שטעלט זיך אין דערמיט שטוב אונ גיט א מאך מיט דער האנד ארום זיך).

דאָס איז א וויינגאָרטיין!

אחשורוש (טהוט א מאך מיט דער האנד פון זיך)

אָ, דוא לעקערלייפערליין!

לויפֿען זאָלסט־דוא צו ושתּין,
נאקום לאָז זיא אויפֿטרעטֵין,
לאָזען דיא הארען קוקֵין,
וויא ענטפלעקט טהוט זיא זיין שיין.
טראַלעלייא, טראַלעלייא, טראַלעלייא!
איינס אונ צווייא אונ דרייא.

דער לעקערלויפֿער (צולויפֿענדיג צו ושתין).
איך טהוא מיט מיינע גילדענע פֿיסעליך טהון
אין דיין שפאצירגערטענדיל אריינטרייטון.
לאָז מיך, אָ ושתי! דערציילון.
דער מֶלך טהוט מאָן בעפֿיילון:
נאקום זאָלסטו זיך טאָן צונרייטון
נאקום אונ הויל פֿאר איהם טרייטון.
טרייטון, טרייטון, טרייטון.

ושתי (אויף א קוויטשיג קולכֿען)
:אקום טהוא איך מיך שעהמון,
מיין שיין קלאָהר לייב בלויז צייגון,
א ליילוך טהוא איך טאָן נעהמון
אונ צומאכֿען דיא אויגון.

(ווארפֿט אראָפּ דיא שאל, אויסטוהענדיג דאָס קאפּעלישעל טאפּט זיא אָן עפּיס אויפֿן שטערען אונ גיט זיך א האפּ מיט כַּעַס).

וואָס טהוט שפּראָצען מיר אויפֿן שטערון
עפּיס וויא א לאנגער האָרון?
אָ, לעקערלויפֿער, ניקס בשום אוֹפֿון!
זאָלסט מיט דיינע פֿיסעליך לויפֿון.
ווער איז ער? טהוא איהם זאָגון,
אז איך ושתי זאָל איהם טאָן פֿאָלגון!
א שטאלמייסטער האָט ער געטהון
טאָן זיין א מאָל בייא מיין טאטון.
זאָל ער נישט טאָן פֿארגעסון,
אז איך בין א פּרינצעסון.

דער לעקערלויפֿער.
איך טהוא טאָן א טרייטון.
טרייטון, טרייטון, טרייטון!

המן אונ דער לעקערלויפֿער (קומען אונ שלעפּען ושתין).

נעהאנגען זאַלסט-דוא ושתי ווערון,
פאַר וואָס דוא טהוסט נישט הערון!

ו ש ת י (ווינט איף א קוויטש)
ווייא אויף מיינע יאָהרַיין
נאָך אזוי יונג אונ שיין!

(אין דעם עולם איז א גרוים געלעכטער: א שיינע ושתי לייזער דער בעהעלפער!)

הָמָן.
דער יודע מאָנדרוש טהוא איך קוקען,
וויל פאַר מיר נישט זיך טאָן בוקען. (צו אחשורושין)
דיא שפיטץ-יודען טהוען אונז בייסון
אונ טהוען נישט הערען דיין הערונג.
בעפֿייל: לאָז מען טאָן זייא צערייסון
צערייסון אזוי וויא אַ הערונג.

מ ר ד כ י (לויפט צו מיט אימפעט)
דוא המן טהוסט אויסטראַכטען ליגון,
ליגון, מסירות אויף יודענס קונדער.
אין דער ערד ועסט-דוא טאָן ליגון,
אונ אונז וועט גאָט טאָן וואונדער.
פליהון אויף דיא אחשתרנים טהוא איך טאָן,
טהוא אין א פורפעלוואָלענע זיפצע זיין אָנגעטאָן.
טהוא איך, טהוא איך, טהוא איך טאָן
א שפרונג, א שפרונג אויבענאָן!
(אויסשטרעקענדיג דיא האנד צום עולם)

היינט איז פורים אונ מאָרגען איז אוים,
נים מיר א גראָשען אונ שטופט מיך ארוים!

(שמחה גיט דיא פורים-שפילער געלט אונ צו גלעזליך וויין, זייא טרינקען אונ לויפען דערנאָך ארוים).

דיא נ ג י ד י ם (אויפהייבענדיג זיך פונם טיש) אונז איז שוין אויך צייט. הייסט עס, דיא אסיפה איז געענדיגט.

פ י י ב ו ש (מיט א געלעכטער פון א שכּור) געענדיגט מיט א פ ו ר י ם-ש פ י ל, א ק אָ מ ע ד י ע!.....

פערטער אקט.

א דאטשע אין א סאָסנאָווע וועלדיל. פאַרענט-צו שטעהט א ווייס שטיבעל מיט געלע פריזבעס און צווישן ביימער אקעגען —ביינק פון גראָז. ארום און ארום שטוב ציהעט זיך א פליט פון איבערגעלייגטע לאנגע דרענגליך, וואָס טהילט איבער דעם וואלד.

ערשטע סצענע.

טיף אין וואלד ברענט א פייעריל. קינדער קלעטערען און יאָגען זיך ארום מיט פילענבוינעם. עס הערט זיך א רַעש, א געשַרייא, אַ געשוווישטשערייא. מֶעְנְדִיל און דְווָאסְיֶע ווייזען זיך פונם וואלד און קריכען אריבער דעם פליט.

מענדיל. איך זאָל האָבען אזויפיל הונדערטער וויפיל חתונות היינט, אין ל"ג בעומר, ווערען בייא אלע יודישע קינדער אפגעמאכט, וואָלט איך רייכער געווען פון גינצבורגען.

דוואָסיע. ער זאָל דאָס האָטש זאָגען: אָהן עַיִן-הָרָע!... וואָס צעהלסט-דוא עס אזוי יודישע חתונות? לאָזען יודישע קינדער זיך פרוכפערען און מעהרען.

מענדיל. אויף יענעם איז זיא א וַתְּרַנְטע! און בייא אונז איז דען נישט קיין יודישע גשמה?... טאָמיר, דוואָסיעניו, וואָלט א סְבָרָא געווען, מיר זאָלען היינט, אויף ציקאָוועשטש, בשעת יריד פון חתונות, אָפשטעלען א חופה. האָ?

דוואָסיע. קוקט איהם נאָר אָן וויא ער האָט נישט קיין צייט! נישקשה, ביסט נישט קליין צו וואַרטען.

מענדיל. צו-וואָס וואַרטען און אויף וועמען וואַרטען? איך מיט דיר זענין מיר אי חתן-כלה אי פוןביידע זייטען דיא מְחֻתָּנִים. אונזער נדן איז דאָ, אין דיא צעהן פינגער. און דיא דְרָשָׁה קען איך, ברוך השם, גוט וויא אלע חתנים.

דוואָסיע. גענוג געדַרשהט. איך קען שוין דיינע דרשות, דוא לֵץ איינער!

מענדיל. האָטש איין קליין דרשהלע נאָך. א צווייא, דרייא קיש, דוואָסיעניו! (ער נעהמט זיא ארום און קישט).

דוואָסיע. (וויא האָט מען עס נישט קיין בושה! אין מיטען העלען טאָג. דאָרט זיטצען מענשען.

מענדיל. נישקשה, ס'איז פאַר זייא נישט קיין סוד. ווייסען אויך

דעם פּירוש דערפֿון. און איבעריגענס זענען אלע דאָרט ערשט זיך צוגאנגען.
(ער שטעלט-אונטער דוואָסיען זיין באַק) נא, גיב אָפּ צוריק!
דוואָסיע. אָ ניין! ווערסט אזעלכעס בייא מיר בשום אופן נישט פּועלין. (זיא קוקט זיך ארום און דערלאנגט איהם א קיש) נא דיר שוין, נא און לאָז מיך צורוה!
מענדיל. אצינד דוואָסיעניו מוזט-דוא זיבען מאל! נישט אנדערש וויא זיבען מאָל.
דוואָסיע. דאָס, זעהסט-דוא, אויף קיין אופֿן נישט... (זיא קוקט זיך ווייטער ארום און שפּרינגט אָפּ אין דער זייט). בראָש האָט ער זיך צו-היצט און האָט היינט עפּיס קיין אויגען נישט! געגוג זיך געשפּילט, רייזילי געהט דאָרט! — איך וועל צוגעהן צו רייזילין, טאָמיר בעדארף זיא עפּיס האָבען. דאָס הארץ פֿאלט מיר ארויס קוקענדיג וויא זיא האָט זיך פֿארענדערט און וואָס פֿאר א פּנים זיא האָט נעביך בעקומען נאָך דער ווייס-טער בשורה פֿון איהר חתנם טויט. הלוַאי דיא דאטשע זאָל איהר העלפֿען! עפּיס האָב איך זיא ליב, אזוי ליב... זיא שטעהט מיר דאָ אין הארצען.
(זיא ווישט מיטן פֿארטוך דיא אויגען)
מענדיל. א רחמנות נעביך!... גיכער, דוואָסיע, נעה גיכער צו איהר! (מענדיל און דוואָסיע צוגעהען זיך).

צווייטע סצענע.

רייזילי. אין א סיטצען קלייד און א ווייסע באַטיסטענע קאָפּטעלע. צוויא לאנגע צעפּ היינגען איהר אראָפּ אויף דיא פּלייצעס. זיא איז בלייך און געהט פּאמעליך, שטארק פֿארטראכט. — דוואָסיע געהט איהר נאָך.

דוואָסיע (צוקומענדיג צו א באנק צווישן ביימער) דאָ, דאָ, רייזילי, איז גום זיך אויסצורוהען! עס קען צוקומען א שטיק געזונט. נוא?
רייזילי. טהוא וואָס דוא ווילסט. מיר איז אלץ איינס.
דוואָסיע (נעהמט נישט ווייט פֿון דאנען א קאָלדרע און א קיסעלע און בעט אויס אויף דער ערד) גאָר אנטיק! גרינע גראָז, קרייטעכצער, ביימער, וואלדפֿייגעליך... מחיה, לעבעדיג, פֿרעהליך!
רייזילי (זעטצענדיג זיך) ווען, האָ? — דיר, דוואָסיע?
דוואָסיע. א הונט זאָל א לעק טאָן מיין הארץ וואָלט ער, דאכט זיך, א מיתה משונה איינגענומען אויפֿן אָרט. אַי, האָב איך א הארץ! איך בין נעביך עלענט, א ווייסטע יתומה...

ר י י ז י ל י. נאָר פלוצלים!...

ד ו ו אָ ס י ע. ערשט היינט טאקי האָב איך עס דערפיהלט. אָהן א טאטע, אָהן א מאמע, וועה איז מיר, גאָ אליין ווער א כלה!... אוי וועה...

ר י י ז י ל י (פארטראכט) וואָס איז?!

ד ו ו אָ ס י ע. גאָרנישט. גלאט אזוי... איהר דרעמעלט, לאָמיך אייך נישט שטערען. אביסיל פריש מילך וואָלט אצינד זעהר גוט געווען. א דערקוויקעניש. נוא, זאָל איך?

ר י י ז י ל י. טהוא, דוואָסיע, וואָס דוא ווילסט! (זיא טהוט א מאך מיט דער האנד און נורעט זיך איין מיטן קאָפּ אין קיסען).

ד ו ו אָ ס י ע (ריקט זיך אָפּ אויף עטליכע טריט ווייטער און שאָקעלט מיט דעם קאָפּ). אָט האָסטו-דיר! שוין יאָ טאטע און מאמע, אז איז אָבער נישטאָ קיין מזל!...

~~~~~~~~~~

דריטע סצענע.

שִׂמְחָה, שְׁפְּרִינְצֶע און רֵייזִילִי.

(שמחה און שפרינצע קומען צו נאָהענט וואו רייזילי ליגט)

ש מ ח ה (אויסלאָזענדיג א שמיעס) היינט פארשטעהסט-דוא שוין, שפרינצע? שרייא חַי וְקַיָם, מוז אזוי זיין.

ש פ ר י נ צ ע (ווינקענדיג צו שמחהן) שאַ! דאָס קינד ליגט דאָ און שלאָפט. לאָז זיא נעביך אביסיל זיך אויסרוהען.

ש מ ח ה (שטילער און שטארק אויפגעבראכט) א הארצוועהטיג, בנאמנות, וויא דוא ווילסט מיך נישט פארשטעהן! דוא מוזט, זאָג איך דיר, שפרינצע, מיט איהר ריידען. היינט טאקי מיט איהר ריידען.

ש פ ר י נ צ ע. א קאטאָוועס אביסיל אזא מְצִיאָה! אז נישט היינט קען חלילה דיא וועלט אונטערגעהן!

ש מ ח ה. דיא וועלט וויא דיא וועלט, מיר קענען דערוויל טאקי אונטערגעהן. (ארויפליינענדיג א פינגער אויפן האלז) איך בין פארבאָדען אָט ביז דאנען. אויף חאסקילין שטעהט אצינד דיא וועלט!...

ש פ ר י נ צ ע (געהט פאמעליך צו נעהענטער צו רייזילין, בייגט זיך איבער איהר אביסיל אָן און טרעט באלד צוריק) בידנע קינד! ליגט וויא א שטילע טויב, פארלייגט מיט'ן קעפעלע און שלאָפט.—מעגליך, איהר חָלומט זיך אצינד א גוטער חלום און דיינקט גאָר נים אז די מאמע, איהר איינענע מאמע, שטעהט לעבן איהר, וויא א קאטץ, מיט דער מַחֲשָׁבָה
~~~~~~~~~~

אריינצושטעקען אין איהר הארץ דיא נעגעל און פֿארדרעהען איהר דעם קאָפּ... איהר איצטיגע שלאָפֿען, וויא אזוי זיא ליגט זיך דאָ איינגענורעט, רייסט מיר אוים דיא נשמה. זיא זאָל זיך אויפֿחאפּען וואָלט געווען עפּיס בעסער, גרינגער... (זיא ווישט דיא אויגען).

שמחה. איך פֿאָהר אין שטאָדט, א רגע איז איצט טהייער. — שפּרינצע, רייד! (ער געהט געשווינד אוועק).

שפּרינצע (נאָכדעם וויא זיא שטעהט א רגע שטיל) א שרעק! וויא רעדט מען מיט איהר פֿון אזא זאך!.. אוי, ליבער גאָט, האָסטו מיך גע־בראַכט צו א שווערען נסיון. ניחייא וואָלט זיא חאָטש גערעדט, געוויינט!, וואָלט נאָך אזוי שווער נישט געווען זיך אויסצוטענהן מיט איהר. זיא אָבער שווייגט, טראָגט איהרע וועהטיגען טיף אין זיך. זיא צאנגט, געהט אוים וויא א לעכט. אין איהרע אויגען ליגט עפּיס א געבעט, אויף איהר בלייך פּנים — גוטסקייט אָהן א ברעג, גלייך וויא איינער רעדט: נאט, טהוט מיט מיר וואָס איהר ווילט. און געה דערנאָך טהוא איהר עפּיס, אז זיא אליין גיט זיך איבער אין דיינע הענט! מען בעדארף האָבען א הארץ פֿון א גזלן. — ניין, א גזלן אפילו ליינט זיך אויך דיא האנד נישט צונעהמען א מעסער און קיילען, אז זיין קרבן שטרעקט אליין דעם האלז אוים. (ווידער צוגעהענדיג צו רייזילין) בידנע קינד, שטילע טויב! קאָמאַרען בייסען זיא נעביך. (זיא פֿאָכט איבער איהר מיט א טיכעל).

רייזילי (עפֿענט דיא אויגען, זעטצט זיך אויף און קוקט אָן דיא מוטער) וואָס איז, מאמע!

שפּרינצע. קאָמאַרען בייסען דיך און דוא פֿיהלסט אפילו נישט. אלץ פֿארטראַכט, פֿארטראַכט. גענוג שוין, רייזילי! אלסדינג איז מיט איין עק. שטיק נישט דיינע צרות אין זיך. וויין, רייזילי, וויין אוים דיין הארץ. דיא טרעהרען וועלען דערווייכען דיין וואונד און עס וועט דיר ווערען גרינגער.

רייזילי. וואָס זאָל איך טאָן, מאמע, אז איך קען נישט וויינען.

שפּרינצע, און אין מיינע צייטען פֿלעגען ווייבער קענען וויינען... דאָס איינציגע מיטעל פֿאר ווייבער נעביך אין שווערע ביטערע צייטען, איז שטילערהייט אין א ווינקעל זיך גוט אויסוויינען. נישט איין מאָל, רייזילי, האָב איך עס געפּריווט אויף מיר. (זיא וויינט).

רייזילי (ארומנעהמענדיג שפּרינצען). מאמעניו וויין נישט, איך בעט דיך!

שפּרינצע. איך וויין רייזילי פֿאר דיר, פֿאר אונז ביידע. מיינע אויגען וועלען מיר נישט טריקענען ביז דוא וועסט צו־זיך נישט קומען און אָנהויבען אויף דאָס נייא צולעבען.

רייזילי. גוט, מאמע, טהוא מיט מיר וואָס דוא ווילסט!

שפרינצע. אלץ וואָס דוא ווילסט, דוא ווילסט! ווען דוא, רייזילי, זאָלסט וועלען וואָלט איך — א שרעק חלעבין! — וואָלט... איך דיר געזאָגט...

רייזילי. נוא, מאמע, זאָג!

שפרינצע. דיא וועלט בלייבט א וועלט. וואָס דיא ערד העקט צו וועלד פֿאַרגעסען. נאָך דעם ווינטער קומט תּמיד דער ליבער זומער מיט נייע פֿרישע בלומען... פֿאַרשטעהסט-דוא מיך?

רייזילי. אָנשטאָט בלומען וואַקסט א מאָל קראָפּעווע. — נוא, מאמע, זאָג!

שפרינצע (צומישט). נוא זאָג איך — ניין, גענוג פֿאַר היינט! — זאָג איך... הערסטו רייזילי? וואָס מאַכֿען דיר היינט עפּיס צו מיטאָג?

רייזילי (שטארק פֿאַרטראַכֿט) וואָס דוא ווילסט, מאמע!

שפרינצע (געהענדיג מיט א זיפֿץ) געה רייד, טהוא עפּיס, אז זיא אלץ: וואָס דוא ווילסט, דוא ווילסט! — בידנע קינד!

פערטע סצענע.

רייזילי, זַלְמָן און זעלדע.

זלמן (ווייזט זיך צווישן ביימער און ווינקט מיט דער האנד) אהער, זעלדע! זיא איז דאָ.

זעלדע (צולויפֿענדיג געשווינד נעהמט רייזילין ארום און קישט זיא) סערדצע, קרוין! לאָמיך שטארק אָנקישען דיך דאָס לעצטע מאָל.

רייזילי. דאָס לעצטע מאָל!... מיט וואָס האָב איך מיך אזוי פֿאַרזינדיגט?

זעלדע. (אויף א וויינענדיג קול) אומשולדיגע, כּשרה נשמה! פֿאַרזינדיגט האָט זיך דיא וויסטע מאמע. פֿאַרלוירען האָב איך מיט א מאָל אַי איהם, איין אויג אין קאָפּ, אַי דיך, צווייא קינדער, בריליאַנטען, מיט א מאָל!

רייזילי (קישענדיג זעלדען): רעדט נישט, איך בעט אייך, אזעלכֿע ווערטער! אייביג וועל איך, וויא א קינד, ליב האָבען דיך. שטארק ליב האָבען פֿאַר מיר און פֿאַר איהם. (קוקענדיג זעלדען אין פּנים) ער האָט געהאַט אין גאַנצען דיין פּנים, צווייא טראָפּען וואַסער! (קישט זיא ווייטער) זאָג מעהר נישט מאמע: דאָס לעצטע מאָל!

זלמן. יאָ, רייזילי, אֵין בְרֵידה, טאקי דאָס לעצטע מאָל! מיר פֿאָהרען אוועק אויף אייביג. — גאָט איז מיט דיר, רייזילי! וואָס ביסט־דוא געוואָרען אזוי בלייך?

זעלדע. לְמַאי, זלמן, אזוי פלוצלים ארויסזאָגען! דיא מאנסבילין אָבער האָבען אלע אזא נאטור. (צו רייזילין) נוא, מיין קינד, וואָס זאָל מען טאָן?

רייזילי (בלייבט זיטצען א רגע שטיל) אך אזא ריס! א ריס פֿונם הארצען מיט אלע וואָרצלען. קיין זֵכֶר אפילו זאָל נישט איבערבלייבען... הא, פֿאר וואָס אזוי פלוצים?

זלמן. אונז צווינגט דיא נויט. אלסדינג האָבען מיר דאָ פֿארלוירען...

זעלדע (וויינענדיג) ביטער איז מיר, גאָטס צאָרען איז אויף אונז אויסגעגאָסען געוואָרען! פֿול מיט נוטס, מיט נחת פֿון קינדער בין איך דאָ א מאָל געזעסען אונ איצט בלויז לײדיג אונ בלויז ווער איך אצינד פֿארוואָגעלט ערגיץ אין א פֿרעמד לאנד!

רייזילי (ארויפֿפֿאלענדיג זעלדען אויפֿן האלז) דיינע ליידען זענין מיינע ליידען. ביסט מיר איינגעבאקען טיף אין הארצען!

זעלדע. גאָט זאָל געבען, דוא, רייזילי, זאָלסט געפֿינען מנוחה אונ רוה בייא דיין מאן אין הויז! ניין, טאָכטער, מיר איז ביטער. איך בין אלט, אָבגעלעבט שוין מיין וועלט. דוא אָבער ביסט נאָך יונג, האָסט נאָך א האָפֿנונג גליקליך צולעבען מיט א מאן אונ זעהן פֿאר זיך א וועלט... זייא געזונד מיין קינד! (זעלדע אונ רייזילי קישען זיך)

זלמן (געזעגנענדיג זיך מיט רייזילין) גאָט האָט געגעבען, גאָט האָט צוגענומען. לאָז זיין נאָמען זיין געלויבט! (ער געהט מיט זעלדען אוועק)

רייזילי (נאָכקוקענדיג זייא) דאָס לעצטע שטערענדיל פֿארשווינדען... (אָנהאפּענדיג זיך ביים הארצען) אך, אין הארץ הייבען מיר זיך חוואליעס... מאמע, איך וויין! דער בלאָטער האָט אויסגעשפּרונגען אונ איך וויין, וויין, מאמע, מיט אייטער אונ בלוטיגע טרערען!.... (זיא פֿארשווינד צווישען דיא ביימער)

~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~

פינפטע סצענע.

פייבוש און חאַסְקִיל.

ביידע ווייזען זיך ארויסגעהענדיג פונם וואלד און צוקומענדיג נאָהענט צום פלאַץ פאר דער שטוב. חאסקיל אָנגעטאָן שבתדיג, אין איין אטלעסענער קאפאָטע אויף געלען אונטערשלאק. פון אויבען א בורנאָס פון לאסטיג. דיא הענד פארליינט אהינטען אונטערן בורנאָס, אזוי אז דיא פאָלעס פארנעהמען זיך. אויפן קאָפּ א פליסען היטעל. די פאות שטעהן אויבען אָפּ פון דיא שלייפען, אונטען פארשפיצט אין א גרייזעל און הייננען אראָפּ וויא צעפליך. צווישין דיא צעפליך קוקט ארויס א קליין, שיטער בערדיל, פארריסען מיט א שפיצעל ארויף. קוקט א מאָל אויף איין אייגעל, האלדענדיג דאָס קעפיל אין דער זייט, און אויף דיא ליפען שוועבט א שמייכעלע, וואָס דריקט אוים חוצפּא.

פייבוש. אָט וועסט-דוא זיא באלד אָנקוקען. הא, וואָס קען דיך עס ארען?... הייסען וועט עס, עט, גלאט אזוי, ביים וועג-געהענדיג אויפן שפאציר, ל"ג בעומר, אין וואלד.

חאסקיל (מיט א קְנייטשעל) נאָך א מאָל טאקי פרעג איך: לְמַאי נַפְקָא-מִינֵיה? וואָס איז דאָ אָנצוקוקען? א נקבה וויא אלע נקבות. עיקר הדבר איז דאָך יענץ—הִתְחַיְבוּת.

פייבוש. גלויבט מיר, ס'איז רעכט. מען בעדארף וויסען דאָס אָרט. דאָ מוז עס הייסען קלאָמפערשט אָנקומען. רש"י איז מיט זיין בעוואָהרעניש חלילה נישט משוגע. און ווייטער הא, וואָס קען עס דיך ארען, אז דוא וועסט חאפּען א קוק? נישקשה, מען וועט דיך חלילה נישט אָפּבייסען. (ער בעטראכט חאסקילין) ע, דוא שוויצט דאָך עפּיס וויא ביבער!... ניין, נישט קיין גוטער מַשָׂא-וּמַתָּן פאר מיר. — וואָס טויג דיר דאָס פליסען היטעל?

חאסקיל. א זאָג אביסיל פון א יודען: וואָס טויג דאָס היטעל! עפּיס גאָר משונָה ווילד, חלעבין!...

פייבוש. עט... וויים איך, וואָס דוא רעדסט. — למען-השם, זאָג איך דיר, חאסקיל, צוהאלטען זיך מיט דרך-ארץ.

חאסקיל (מיט א שמייכעלע) פּיששש, דרך-ארץ פאר א מיידיל! אָט רעדט נישט קיין נארעשקייטען.

פייבוש. דאָס, חאסקיל, זאָג איך דיר טאקי: למען-השם צוריידען מיט יִשוּב הַדַעַת, ווארים זיא איז א קלוג מיידעל!

חאסקיל. א טריאטער חלעבין, א קלוג מיידעל! פון וואנען האָט צו אידר דיא חכמה זיך גענומען? אין א חדר האָט זיא דען געלערענט? וואָס א מינדסטער מאנסביל האָט אין נאָגעל האָבען עס צעהן קלוגע נקבות נאָך אין קאָפּ נישט.

פֿייבוש (ווייטער בעטראַכטענדיג חאסקילין) נוא, סחורה!... דוא שוויצט נאָך טאקי אלץ חאסקיל?! נעהם וויש דיר אָפּ דאָס פּנים מיט א טיכעל. — צו וואָס האָט דיר נאָך געטויגט היינט אזא בורנאָס?

חאסקיל. עפּיס א שניידעריל, א פֿראנצויזיל בין איך, הא, מיך צו-ווייזען צווישין מענשען אין איין קאפּאָטע! — זעהר א פּאָליטישנער מענש, חלעבין, ר׳ פֿייבוש! (ווישענדיג דאָס פּנים מיט דער פּאָלע) הלכות פּאָליטיקע, דרך-ארץ, פֿארשטעה איך בעסער. — רעדט בעסער מכח התחייבות.

פֿייבוש. נישקשה, דוא חאפּסט זיך אין א שמאלץ-גרוב אריין. — טאָמיר וואָלט איך בייא דיר געפּועלט, אויף א ווײַלע חאָטש אויסצוטאָן דיין בורנאָס. ער איז דאָך צו דיר נישט צוגעוואקסען, קענסט דאָך אָפּגעהען מיט שוויים.

חאסקיל (ווישענדיג דאָס פּנים) בראָש ציטערט ער פֿאר שוויים! וואָס איז דאָ אזוינס? א יוד שוויצט.... קעסט, ר׳ פֿייבוש! למען-השם וואָס מעדר קעסט.

פֿייבוש. שא זיא נעהט, זיא נעהט! (ער בעטראַכט נאָך א מאָל חאסקילין פֿונם קאָפּ ביז דיא פֿיס) אך, דיין שוויצען, חאסקיל, דיין שוויצען!...

זעקסטע סצענע.

פֿייבוש, חאַסְקִיל און רֵייזִילִי.

רייזילי (צוקומענדיג נאָהענט) נאָך דאָ פֿאָרט עפּיס א שטיקעל זֵכֶר... ר׳ פֿייבוש! א גאַסט חלעבין. עפּיס וויא פֿונם הימעל אראָפּגעפֿאלען!

פֿייבוש. ווערטער טאקי וויא פֿון א חָכְמָה, א יודישע טאָכטער! קיינער טהוט נישט קיין טריט ביז ס׳איז ניט פֿונם הימעל. עס פֿאלט דער שפּאָן ביז ס׳איז עפּיס נישט דראָן.

רייזילי (מיט א זיפֿץ) א מאָל אָבער פֿאלט דער שפּאָן יענעם צָרות אָנצוטאָן. חלילה, נישט אייך, ר׳ פֿייבוש, מיין איך.

פֿייבוש. מען בעדארף אָבער אלסדינג אָננעהמען פֿאר ליב. אז גאָטעניו דרעהט זיין וועלטיל! אַוודאי איז נישט איטליכער געגוג שטארק אויסצושטעהן דעם נִסָיוֹן... איך האָב שוין דאָ געשמועסט מיט ר׳ חאסקילין, האָב איך ערשט... וואו זענט איהר ר׳ חאסקילי? (שטרעקט ריידענדיג אויס ד׳א האנד אהינטער און שלעפּט חאסקילין צו בייא דיא פּאָלעס) אָט איז, ר׳ חאסקילי, דיא גוטע און פֿרומע, פֿון וועלכע מיר האָבען געשמועסט.

ר י י ז י ל י (לאָזט פֿאַרשעהמט אראָפּ דיא אויגען) ע, ר׳ פֿייבוש! איך האָב נאָר נישט געוואוסט, אז איהר קענט מאַכֿען קאָמפּלימענטען.

פֿ י י ב ו ש. קאָמפּליענטען ווייס איך גישט, קיין פּלאָטקע-מאַכֿער בין איך נישט. בייא מיר איז אָהן קונצען, פּראָסט דער אמת, וויא גאָט האָט געבאָטען. יאָ, האָבען מיר ערשט געשמיעסט, וויא שווער ס'איז איין עהר-ליכֿער יוד צו זיין, נאָר אָהן קשיות פֿון זיין ליבען גאָטען אלסדינג מקבל באהבה זיין אין געשטעלט לְמָשָׁל איינע אזעלכֿע, מיט וואָס פֿאר א שטארקייט זיא האלט נעביך דעם נִסיון אוים און נעהמט אָן פֿאר גוט, וואָס גאָט ברוּך-הוּא טהוט, און ווער? דווקא א נקבה, נאָך א יונגענד. (א טאָרע-נעבענדיג האסקילין) א יאָ, ר׳ האסקיל!... איהר זענט נעביך מיד, ר׳ האסקילי, פֿונם גאנג און גערט אָפּ מיט שוויים. נישקשה! (שטיל, אָנביי-גענדיג זיך צו רייזלין) ער איז א זיידען קינד, כְּלִי שְׁלֵמָה!

ר י י ז י ל י. איהר שטעהט דאָ דערוויילמיד און איך בעט אייך אפילו נים זיטצען! זעטצט זיך, זייט מוחל, אָט דאָ אקעגען אויף דער באנק.

פֿ י י ב ו ש (נים א שלעפּ האסקילין בייא דער פּאָלע און זעטצען זיך ביידע אקעגען רייזילין) געלויבט איז גאָט, ר׳ האסקיל, אָט זיטצען מיר אונטערגעלעהנט אונטער א בוים! א יאָ גוט? וואָס שוויינט איהר? (צו רייזילין) איך האָב זיך פֿאררעדט און פֿארגעסען דערוויילע צוזאָגען. יאָ, דאָס איז ר׳ האסקיל ר׳ יוחנצע דעם רב׳ס!

ר י י ז י ל י (צומישט) א-א! איך ווייס...

פֿ י י ב ו ש (נאָכֿדעם אז א היבשע ווייל‍ע איז שטיל) אזוי, אזוי גערט עס אויף נאָטס וועלטעלע!... (ער דרעהט א האָר פֿונם בערדיל און טריקעט אונטער דער נאָז) טי-טי-טי, בריבים-בים-בים... וואָס זאָגט איהר, ר׳ האסקיל, וויא דאָ איז גוט?

ה א ס ק י ל (מיט שמייכֿעלע) וואָס איז דאָ אזוינס? א וועלדעל, פֿליִקער, ביימער, ריטליך, בעזעמער!... עט. נארעשקייטען, יונגעלשע זאכֿען.

פֿ י י ב ו ש (צו רייזילין) ר׳ האסקיל, פֿארשטעהט איהר, גערט אלץ אין הויכֿע דרָכים. איהם טראָגט דער קאָפּ אין אנדערע עולמות. אוודאי איז עס נאָר א הויכֿע מדרגה העט, העט... א קאָטא! וויא קומען אזעלכֿע מענשליך וויא איך דערצו... בריבים-בים-בים. — מען בעדארף אריינגעהן אביסיל צו דער מאמען. (צו האסקילין) און איהר מעגט דאָ בלייבען, נישקשה. (צו איהם אויף לשון-הקודש) אַתָּה בְּלֹא תִּהְיֶה כַּאן שלימְזַאלניק. (באלד טאקי אויף יודעש) ד י א וועלט פֿון דעסטוועגען, ר׳ האסקיל, איז אויך א וועלט.

ר י י ז י ל י (קנאקט דיא פֿינגער) אָט וועל איך נעהן, שיקען אייך דיא מאמען אהער, ר׳ פֿייבוש!

פ ײ ב ו ש. חָלִילָה, זענט זיך נישט מטריח. איך געה אליין, נישקשה. (ער װערד פֿארשװינדען).

זיבעטע סצענע.

רײזילי און חַאסְקִיל.

רײזילי נעהמט נישט װײט פֿון איהר דאָס רעמיל און העפֿט, חאסקיל נעהמט זיך בײא דער פאָה, און גלעט דאָס בערדיל. בײדע שװײגען א היבשע װײלע, נישט צורײדען א װאָרט.

ח א ס ק י ל (מאַכט מיט דיא אקסלען אָנבײגענדיג דאָס קעפּיל) נא, נא, נא דיר פֿײבוש!

ר י י ל י (דערלאנגט אָפבײסענדיג דעם פֿאָדים א דורכנעהמענדיגען קוק אויף חאסקילין) װאָס פֿײבוש?

ח א ס ק י ל (אין דער װעלט אריין) א תָּם! װײסט קלאָמפערשט נישט, אז פֿײבוש איז א שדכן.

ר י י ז י ל י. האָט נישט קײן פֿאראיבעל, איהר זענט דען א בחור?

ח א ס ק י ל (מיט א געלעכטער) א טריאטער, חלעבין. נאט איך א בחור מיט א בערדיל! ... אײן אַלְמָן בין איך. — נאָר צו װאָס טויגען די אָנשטעלען, אז מע װײסט אליין זעהר גוט.

ר י י ז י ל י (גוט בעטראַכטענדיג חאסקילין) עפּיס װילט זיך מיט אײך רײדען, איהר זענט, דאַכט זיך, בײז.

ח א ס ק י ל (װערד בײא זיך גאנץ שטארק נײן, עס רעדט זיך נאָר אזױ, נוא, לאָמיך שױן הערען װאָס װײטער?

ר י י ז י ל י. איז אײער װײב געװען א קלוגע, אויף אײך א מֵבִין?

ח א ס ק י ל (מיט אַ געלעכטעריל) קלוג װיא אלע װײבער, משטעהגעס געזאָגט. און צו װאָס טויג באמת א פלוניתטע דיא איבעריגע חכמה? ביסט א פלוניתטע זײא=זשע א פלוניתטע און גענוג. װײטער נאָרנישט... איהרע מבינות האָב איך נישט בעדארפֿט. אלץ אײנס...

ר י י ז י ל י (אװעקשטעלענדיג דאָס רעהמיל און אָנקוקענדיג חאסקילין) מיט אײך איז דאָך עפּיס מחיה גאָר צורײדען! זאָגט נאָר, איך בעט אײך, װאָס איז אזױנס פלוניתטע?

ח א ס ק י ל (שמאָכט פֿאר גרויס הֲנָאָה און רײבט דיא הענט) װאָס איז אזױנס פלוניתטע? — גאָרנישט, פלוניתטע איז פלוניתטע, א יודענע, אָהן א נאָמען, נלאט אזױ זיך...

רייזילי. אונ אייער ווייב, זאָגט נאַר, האָט אידר ליב געהאט?

חאסקיל. עפּיס אזוי מיאוס מגושם, ליב מְחִילָה א ווייב! ... דאָס ערסטע מאָל הער איך אזעלכֿס. עפּיס א ראַטעלפּליש איז עס, א לעדוועצע...

רייזילי. עפּיס גאַר אנטיק חלעבין וויא אידר רעדט! וויפּיל איז דרינען אז אייער וויב איז טויט?

חאסקיל. אָ, שוין א היבשע צייט, אקעגען א דרייא חדשים.

רייזילי. ערשט א דרייא חדשים אונ אידר ווילט שוין חתונה האָבען!

חאסקיל. מילא וואָס דען זשע טהוט א יוד, אז די פּלוניתטע שטארבט? געשטאָרבען — נוא געשטאָרבען. ברוך דיין אמת! האָב דיר דאָרטען א ליכטיגען גן-עדן אונ חתונה מוז מען האָבען. — איבעריגעס בין איך מרוצה, אויף א קורצער צייט דיא חתונה אָפּצולייגען, אבי למזל אָפּמאכֿען די תנאים, פּייבוש האָט מסתמא עס שוין געזאָגט.

רייזילי. אונ קינדערלוך איז פון אייער ווייב איבערגעבליבען?

חאסקיל. פון עטליכֿע שטיקלעך איז דאָ איין יונגעל, א שלאָפּס. מען קען זיין גאנץ רוהיג, דיא נשמה היינגט איהם אויפן שפּיטץ נאָז. ער בלייבט ביים טאטען. צום שידוך געהד זיך עס כלל נישט אָן.

רייזילי. זעהר פיין פון אייער זייט... (זיא נעהמט ווידער דאָס רעהמיל אונ העפּט אראָפּלאָזענדיג דיא אויגען).

חאסקיל (געהט אהין-אהער מיט ברייטקייט אונ שמאָכֿט) וויא זיא האָט מיך דאָ פאַרהערט! בין אידר אָבער אריין אין טעם, העהע (פאַרלייגענ-דיג דיא הענט אונטער דעם בורנאָס קוקט ער פון דערוויטענס אויף רייזילין מיט איין איינעל אונ מעסט זיא איבער פון אויבען ביז אראָפּ) סחורה! קיין מעשה נישט, נישקשה... מען בעדאַרף מיט אידר מאכֿען גיכֿער איין עק. (צוקומענדיג צו רייזילין רעדט ער עפּיס נישט מיט זיין קול) נוא, זאָג נארעלע, דוא ווילסט?

רייזילי (הייבט אויף פאַרוואונדערט דיא אויגען) וואָס?!...

חאסקיל (מיט א נארישער מינע) זאָג, נארעלע, שעהם זיך נישט! ס'איז דאָך א יודישע זאך. ווייסט דאָך שוין וואָס....

רייזילי (שטעהט געשווינד אויף, אָנהאפּענדיג זיך ביים הארצען) אהא, איך שטויס מיך שוין אָן... א שרעק!!

חאסקיל. שרעק זיך נישט, נישקשה! דעם גדן וועט דער טאטע דיינער סיליקין קודם המעשה. מעגסט אויף מיר זיך שוין פאַרלאָזען. ער פּרוטה אחרונה וועט ער בייא מיר סיליקין.

רייזילי (אויסשטעלענדיג אויף חאסקילין א פּאר ברענעדיגע אויגען) אוועק דוא ווילדער!... (זיא לאָזט זיך גיך נעהן).

חאסקיל (נאַכקוקענדיג רייזילין מיט חוצפּא) פישׁשׁ... מען פרעגט זיא אום א דֵעה! גישקשה, וועסט בעסער ווערען!... (ער געהט אוועק).

אכטע סצענע.

שְׁפְּרִינְצֶע, רֵייזִילִי און שִׂמְחָה.

שׁפּרינצע (וויזט זיך נעהענדיג פֿון שטוב און ברעכט דיא הענט) שוין!... דער ערשטער שנית איז שוין געשעהן. דיא כאמע מוז געהן דערקיילען... רייזילי און א חאסקיל! אזא הֵפך וויא טאָג און נאַכט... אוי, דיא נויט, דיא ביטערע נויט!... וויא אָבער וועל איך אידר אין די אויגען קוקען?... רייזילי, אָ, רייזילי! (זיא שפּארט זיך אָן צו א בוים און ווײנט).

רייזילי (צוקומענדיג פּארטראכט און דערשלאָגען) מאמע!...

שׁפּרינצע (קלאַפּט זיך אין הארצען) וועה איז דער מאמע! — רעד, וויין טאָכטער!

רייזילי. איך האָב שוין געוויינט, מאמע!

שׁפּרינצע. וויין, לאָמיך הערען! דיין שווייגען אצינד שטעכט מיך... וויין, רעד טאָכטער!

רייזילי. אלץ איינס, כאמע! וואָס איז אין גאנצען מיין לעבען?

שׁפּרינצע. א שרעק! עפּיס הערט זיך מיר אצינד דאָס אלטע לידעל: „דער טאטע האט מיך נעקיילעט, דיא מאמע האט מיך נעגעסען". יאָ, טאָכטער, נעגעסען, דאָס איז טאקי פֿאר דעם עסען.

שׂמחה (אָנקומענדיג שטארק אויפגעבראכט) אווי?!... דוא שיטסט מיט הייסען פּריסיק שיטסט דוא אָפּ — טרייבסט! נוא, זאָג איך דיר, רייזיל, דער שידוך מיט האסקילין מוז זיין און וועט זיין!

שׁפּרינצע (אָננעהמענדיג שמחהן ביים דער האנד) אָבער שמחה, נישט מיט אזא...

שׂמחה. עט, וואָס וועסט-דוא מיר דאָ זאָגען!... דאָס האָט דיא מאמע דיינע, רייזיל, דיר ביז אהער נאָכגעגעבען אלע דיינע חֲפָצוֹת און איך נאַר האָב מיך געלאָזט ארויספֿיהרען אויף ביטשען... יאָ, א גרויסע טובה האט מיט איהר נאָכגעבען דיר דיא מאמע דיינע געטאָן. אָ, ווייבער, ווייבער!...

שׁפּרינצע (מאכט מיט דער האנד שמחהן כמעט אונטער דער נאָז) שלעכט אין שטאָדט, עס געפֿעהלען איהם נישט דיא ווייבער! וויא באלד

נאָר עפּיס זענען דיא ווייבער... אָ, מענער, מענער! (צו ריידלין) וואָס זאָלען מיר ווייבער נעביך טאָן, אז מיר זענען אין אזא פֿינצטער מול גע-בוירען געוואָרען; אז מיר זענען פארקויפֿט, נישט פֿרייא א קאָפּ אויפֿצוהויבען... ע, דוא זאָלסט זיין א יונגעל, וואָס וואָלט איך מיט דיר געהאט צוזאָרגען, א מיידעל אָבער איז עפּיס גאָר אנדערש. זיא טאָר צופּיל זיך נישט איינשפּארען.

ר י י ז י ל י. מַה רַעַשׁ, איך וועל פֿארזיצען? עפּיס נישט אזא סַכָּנָה!

ש פּ ר י נ צ ע. עפּיס גרינג אזוי צוזאָגען איבינג א מיידעל! ערגערס איז שוין, דאכֿט זיך, נאָר נישטאָ וויא צוזיצען ביז דעם גרויען צאָפּ. און בפרט נאָך בייא יודען. בעהיט זאָל מען ווערען! — א מאנסביל ער מעג, נישקשה, ער איז עפּיס גאָר וואָס אנדערש...

ש מ ח ה (וואָרטשענדיג) דיא מאמע איז דאָס דיא גוטע און דער טאטע דער שלעכטער. זאָגט זיא דען נישט אויך דאָס איינענע. נאָר אביסיל צושמירט.

ש פּ ר י נ צ ע. אז דוא ביסט געקומען אזוי אָנגעלאָדען את זיך צו-פלאקערט אויף דעם קינד נעביך! זעהסט-דאָך, מע קען רעדען דאָס איינענע טאקי, נאָר וויא א מענש, מיט גוטען און ברַחמנות.

ש מ ח ה (גלעט רייזילין איבערן קאָפּ) חלעבין, רייזילי, איך האָב דיך אזוי ליב וויא דיא מאמע.

ר י י ז י ל י (אָנקוקענדיג דעם פֿאָטער פֿארטראכֿט) וואָס?!

ש מ ח ה (א קלאפּ-געבענדיג זיך אין הארצען) איך האָב א הארץ פֿול מיט מַכּוֹת!... און גאָר אָהן דעם, רייזילי, ביסט-דוא דאָך שוין א דער-וואקסען מיידעל און וועמען אנדערש קען מען דיר אין אונזער גראד אָנ-שלאָגען? האסקיל איז וויינינסטענס א מיוחס, שטאמט פֿון א גרויסער משפחה.

ר י י ז י ל י. אָט דאָס גאָר!... ניין, טאטע, ניין!

ש מ ח ה (אויפֿגעבראכֿט) מיר זענען פֿארבייא! דוא ווילסט אונז קילען טאָכֿטער. זאָל זאָגען דיא מאמע.

ש פּ ר י נ צ ע. משוּנֶה גראָב, שמחה! רעד נישט אזוי משונה. (צו רייזילין מיט א קרעכֿץ) דער טאטע מיינט, מיר קענען פֿון אנדערע גע-ילע: ווערען חלילה אָהן א מעסער...

ש מ ח ה. אונזער הויז, וואָס אין זאלאָנ, וועט מען צונעהמען, אלס-דינג, האַק את פּאַק מיט דיא בעבעבֿעס. א חוץ דיא אלע ביטערע צרות וועל איך נאָך פֿארליהרען דעם גוטען נאָמען און זיין צו ליטעש געשפּעט. מיין גאנצע האָפֿנונג אצינד איז נאָר איין ר' יוהנצע, אָבער מיט דעם תְּנַאי,

אז דוא וועסט זיך נישט פֿאַרעקשׁהנען ... אוי, רייזילי, שלעכט, דער חלף לינט מיר אויפֿן האלז!

רייזילי (אָנהאפּענדיג זיך ביים הארצען) מאמע!...

שמחה. קוק מיין קינד אויף דער מאמען. דיא מאמע נעביך וועט לײדען דחקות, הונגער און נישט האָבען אויף דער עלטער וואו דעם קאָפּ אנידערצולייגען (ער ווישט דיא אויגען און קעהרט אוועק דעם פּנים).

רייזילי (צו זיך אליין, א מאך-געבענדיג מיט דער האנד) ער... איז דאָך מעהר נישטאָ... טהוט איך מיט מיר וואָס איהר ווילט!

שפּרינצע (וויינענדיג) ניין, ניין, צווינג זיך נישט טאָכטער!... דיא מאמע וועט בעסער דינען, זיך פֿארקויפֿען ...

רייזילי. ניין, מאמע! אלץ איינס. אזוי איז מיר שוין בע-שעדרט... (זיא פֿאלט אויף דער באנק).

שפּרינצע (ארום האפּענדיג רייזילין) געפֿאלען וויא א קרבן! וועה איז דעם טאטען, וועה איז דער מאמען!...

פינפטער אקט

א גאס. אויף דיא הייזער זענין ארויסגעשטעלט פֿענדליך און א טהייל פֿון זייא זענין אויך בעהאנגען מיט קרענצליך בלומען. רעדליך מענשען שטעהען אויף דיא טרעטואַרען. לינקס קוקט ארויס איציקס קליטעל און דערבייא ליפֿע דער חלפֿן לעבין זיין טישעל.

ערשטע סצענע.

איין עולם. איציק דער קרעמער, ר' אליה, ליפֿע דער חלפֿן און פײַבוש.

א יודענע (מיט א געשרייא שטופּענדיג זיך צווישן דעם עולם) לאָזט יודישע קינדער, לאָזט! חיימיל מיינער קומט... צוריק פֿון דער מלחמה... מיט דעם פּאָלק קומט ער, מיין חיימיל!

א יוד. אַי-אַי, זיא האָט מיר אָנגעטרעטען אויף דעם פֿוס! איהר טרייף מזל, וואָס זיא איז פֿארשוואונדען.

קולות צווישן עולם. אהין, וויטער, צו דער ראָגאדקע, ניכער! (דער עולם דערווייטערט זיך).

איציק (שטעהט אויפֿן גאניקעל פֿונם קליטעל) קיך'ה, זאָגט איהר, נעהמט דיא הערצאָגאָווינע! אָט דאָס איז דאָך טאקי אייער קיך'הס פֿוילע תנועות, טהוט גאָרנישט און האפּט נאָר בייא דיא מלכיות שיריים!...

ר׳ אֶ ל י ה (זיטצט אויף זיין חֲזָקָה-אָרט) און דיין וויקטאָריעס האָט דיא אינזעל ציפערען, הייסט געביך נאָר ניט געהאפט שיריים! נישקשה, זיא איז א גוטע נאשערען, האָט ליב שטילערהייט א האָפ צוטאָן פֿונם טעפיל.

ל י פ ע. אומזיסט, חלעבין, אייער האטפערען-זיך, ער געהאפט, זיא געהאפט, וואָס מאַכט עס אויס? א לאנג אלטע אייביגע מעשה. אָט זעהט בעסער וויא דאָרט שיט זיך איין עולם אקעגען דעם חַיִל, וואָס קומט באלד אריין.

פֿ י י ב ו ש (צוקומענדיג צום קלייטעל) א, גאָט העלף! פֿון וואָס שמיעסין עס יודען? מסתמא פֿון פאָליטיקע. (צו ר׳ אליהן) זעהט איהר אין פאָליטיקע, דאָ זענט איהר, ר׳ אליה, א למדן-מופלג, איין בריה און א שדכן דווקא נישט קיין גוטער. — יוסיל פינשעווערס שידוך האָט פֿון מיינע הענט, נאָר דורך אייך זיך ארויסגעגליטשט.

ר׳ א ל י ה (אויפֿשפרינגענדיג פֿונםביינקעל) הערט-זשע יודען בְּהֶן-שֶׁלִי, איך בין דרינען אזויפֿיל שולדיג... וויא זאָל איך זאָגען? אזוי וויא... נישטמעהר וואָס... גאָרנישט.

פֿ י י ב ו ש (מיט א גנֵבה-שמייכעלע) נישטמעהר גלאט אויך דיא איינענע מעשה — ר׳ אליה! אָבער ווען נישט ר׳ אליה און טרעפֿט זיך מיר עס מיט איין אנדערען, הערט איהר יודען! וואָלט איך טע-טע-טע... נוא, ר׳ אליה, שא, ווייטער חַבֵר.

ל י פ ע (ארויפֿלויפֿענדיג מיט אימפעט אויפֿן נאניקעל) איציק, דאָס חיל!׳ דאָרט ריהרט זיך שטארק דער עולם.

א י צ י ק (צוקוקענדיג זיך) הא... ניין! ברוך הבא, דאָס איז ער, שמואליק מיט זיין כָּבוֹד אליין!

צווייטע סצענע.

שְׁמוּאֶלִיק און גִיסֶיע.

ש מ ו א ל י ק (ארויסשטופּענדיג זיך פֿון צווישן דעם עולם שטארק פֿארכוסעט און דאָס היטעל אויף דער זייט קאָפּ) וויסגיטרע, וויסנאָפרע, וויסנאָטרע לחי עולמים!... אז שמואליק מאַשירט לאָז זיין בְּצִלְצְלֵי תְרוּעָה, מיט א קאטערינקע... עך, סאָלדאטיקי בראטיקי בשמחה רבה ואָמרו כֻּלם!

ג י ס י ע (ציהעט שמואליקן ביים ארבעל) זיידע, גענוג! ניכער קום הערשעלען אקעגען!

שמואליק (פֿארקרימט זיך) פֿישש, א גרויסער פֿריץ, אקעגען! — ווייבער, מאמעס צום קַבָּלת פָּנים דאָ, אקעגען! ... וַאֲנִי און איך האָב צו דיין מוטער רחל נישט אזוי געטאָן, בְּבֹאִי מִפַּדָּן, אז מיר זענען געקומען פֿון קאווקאז, האָבען מיר גערדאלעט בעגלא ובזמן קריב וויא א קאָדנער בעל-עגלה אין דער בלאָטע, זיך געשלעפּט מיט גרויס קוראווש אומעטים הורדר... אז אלע פֿלעגען פֿאר אונז מאכֿען וַיְבָרַח...

איינער פֿונם עולם. אָבער קידוש, שמואליק, פֿלעגט איהר מאכֿען?

שמואליק (שאָקלענדיג מיט דער האנד) פֿיט, פֿיט, פֿיט! דוואדצאט פּיאט פּאלאָק אויף א ברודער מיט דריי ציין אונטערגעשלאָגען. און קידוש איבער א הארטען סעחאר. נא, גריזע און שרייא חי וקים: ראדי סטאראטסיא וואשע בראָ-דיע, בשמחה רבה ואמרו כלם!

גיסיע. אָבער קום שוין, קום זיידע! וויא דערלעב איך שוין זעהען הערשעלען.

שמואליק (אויסציהענדיג זיך וויא א סטרינקע) סטאָי ראוונאיסיא! פֿינף און צוואנציג יאָהר מיט א שמיטצעל האָט דיא מאמע געווארט און זיך נישט דערווארט איהר שמואליקן צוריק קומענדיג פֿונם חדר, וואָהין דער בעהעלפֿער מיט מעשענע קנעפּליך האָט איהם, נאָך גאָר א ברעקיל, אוועקגעטראָגען אויף דיא פּלייצעס. דיא גאנצע צייט כסדר איז געגאנגען דיא לאנגע סדרה בלק. וּמַלְאָכִים יֵחָפֵזוּן און געצימבעלט, דם ואש ותמרות עשן אזש א רויך איז געגאנגען. (אָנגעהמנדיג גיסיען) הייא, אָדם א מענש, קאטשקע ריק זיך! ריקט זיך ישראל בני רחמנים!... (ער געהט אוועק מיט גיסיען און א סך פֿונם עולם נאָך איהם).

דריטע סצענע.

מֶענְדִיל, דְוָואסְיָע און שִׂמְחָה.

דוואָסיע. אונז, מענדיל, איז שוין אפשר צייט פֿאָהרען א היים. אלסדינג איז שוין איינגעהאנדעלט. אויף א רגע נאָר וואָלט איך געוואָלט א שפרונג טאָן צו שפרינצען, זעהן וואָס זייא מאכֿען.

מענדיל. מאכֿען זאָלען אזוי דיא הינע ר' שמעלקעס. זייא האָבען ר' שמחהן גוט איין אויער אויסגעמאכֿט. יענע וואָך בין איך בייא איהם געוועזען. אוי, דוואָסיעניו, איז דאָס בייא ר' שמחהן אין הויז א ביטערע עלענט, דער דלות שווישטשעט דאָרט פֿון איטליכֿם ווינקעלע! דוא וואָלסט

איהם נישט דערקענט, אזוי האָט איהם דאָס פּנים זיך פֿאַרענדערט. שאַ, אָט געהט ער דאָרט טאַקי אַליין.

שמחה (צוקומענדיג) שלום עליכם, מענדיל! וואָס מאַכסט-דוא עפּיס? וויא געהט עס דיר אין דיין אַרענדע פֿון דער מיהל?

מענדיל. נישט צופֿאַרזינדיגען, ס'איז, ברוך השם, דאָ ברויט. (אָנקוקענדיג אַ רגע שמחהן) וואָס טויג אייך, ר' שמחה, די שטאָדט אָנ־קוקען דאָ דיא פּנימער זייערע — דאָס גאַנצע פּעקיל שיינע לייט, מיוחסים, וואָס האָבען בכּיוון, בכדי צו-ווערען אדמיניסטראַטאָרעס, שטילערהייט אויף אייך געגראָבען. בעגראָבען, חלעבין, זאָלען זייא אייך אַלע ווערען. אָט נעהמט, פֿאָלגט מיך, אונ פֿאָהרט מיט אייער ווייב איבער צו מיר אין דאָרף אויף אַ צייט ביז נאָט וועט אייך עפּעס העלפֿען.

דוואָסיע. בייא אונז וועט עס חלעבין גאָר נישט אויסמאַכען, אַדְרַבָּה מיר וועלען גרויס הנאה האָבען. טהוט אונז, חלעבין, דיא טובה, בעל-הבית! אַזויפֿיעל יאָהר האָבען מיר דאָך אייער זאַלץ אונ ברויט געגעסען.

שמחה. יִישַׁר כח אייך פֿונם גאַנצען האַרצען, ס'איז אָבער גאָר אומטעגליך. וויא מיינט איהר, האָ? שפּרינגצע מיינע וועט זיך שיידען מיט רייזילין אונ בפרט אצינד, אַז זיא איז אזוי אומגליקליך אונ עס טהוט זיך...

מענדיל. אַלץ אפשר מיט דעם שיינעם איידעמיל?

שמחה, ס'איז דאָ געננג מיט דעם, מיט יענעם... אָט גוט חלעבין, וואָס דוא ביסט היינט אין דער שטאָדט. דוא קענסט מיר צוניטץ קומען. קום, וועל איך דיר זאָגען. (שמחה אונ מענדיל נעהען אוועק).

פערטע סצענע.

רֵייזִילִי, אַ דארע מיט אַ טיכעל אויפֿן קאָפּ, אַ פּעקיל אונטערן אָרם.

דְוָואסֶיע, אִיצִיק אונ לִיפֶּע.

דוואָסיע (צולויפֿענדיג צו רייזילין) וואָס-זשע מאַכט איהר פֿאָרט, קרוין? אַי, האָב איך שוין געגאַרט אזוי אייך צוזעהן! (זיא ווישט דיא אויגען אונ שאָקעלט מיט דעם קאָפּ) אַ וועהטיג איז מיר, וויא איהר זעהט נעביך אויס! זאָגט-זשע, איך בעט אייך, וואָס-זשע מאַכט איהר?

רייזילי (אונטערהיסטעגדיג אונ הייזעריגליך) אזוי וויא דוא זעהסט מיך, דוואָסיע. — איך לעב...

דוואָסיע. אזא לעבען געזאָגט געוואָרען אויף אַלע יענע לייט, וואָס האָבען אַ מאָל בייא אייך געזויפֿען, געפֿרעסען אונ דערנאָך אין אייער

בלום זיך. געבאָדען ! (אויסשטרעקענדיג די האנד צו רייזילים פעקיל) א דונער האָט מיך נישט דערשלאָגען ! קוים וואָס זיא געדט , איז איך אויף דער צייט אונ רייסט זיך נאָך דאָס געזונד איין טראָגענדיג אזא פעקיל !

רייזילי (אוועקשטופענדיג דוואָסיעס האנד) צו וואָס , דוואָסיע ! וואָס מאַכט עס אוים, נאָך א פעקיל , אלץ איינס, חלעבין .

דוואָסיע. נעהם שוין , געהם, רעדט נישט אזעלכע זאַכען . אייער געזונט איז טהייער . צעהן פון יענע שיינע לייט זאָלען דיא כפרה ווערען פאַר אייער מינדסטען נאָגעל... נוא, גיט שוין עס אהער ! — וואָס איז דאָ אזוינס אין דעם פעקיל ?

רייזילי. אביסיל וועש צום נייען... האָב איך אויף איין אָרם גענומען .

דוואָסיע (ווישענדיג דיא אויגען מיט דער נאגצער האנד) ר' שמחה'ס טאָכטער, וואָס האָט געלעבט אין ווערלטיג, זיך געבאָדען אין מילך , אין פוטער זאָל היינט נעביך אזוי קְרִיעָה רייסען !

רייזילי. מיין לעבען איז גאָר נישט ווערטה, מע זאָל איבער איהם אזוי זיך זאָרגען. אָט זאָג בעסער, דוואָסיע, וואָס מאַכסט-דוא ? לעבסט-דוא צופרידען מיט דיין מאַן ?

דוואָסיע. אויף אלע מיינע ליבע גענאָגט געוואָרען אזא גוטע מולדינגע דאָליע וויא מיינע. מיין מעגדיל ליובעט, קיכעלט מיך. אלץ דוואָסיעניו , מיין דוואָסיעניו . זאָגט דוואָסיע , טאָג , מעג זיין נאַכט, איז טאָג. — אונ איך אידם האָב אין הארצען עפּיס אזוי ליב, אזוי ליב... איך רייץ מיך אפילו א מאָל מיט איהם , בלאָז מיך קלאָמפערשט, אָבער אזוי אויף קאַטאָוועס.

רייזילי. זעהסט-דוא, דוואָסעניו, דו האָסט טאקי א גליקליך לעבען .

דוואָסיע . איך האָב מיך, ברוך-השם, נישט צובעקלאָגען . ס'איז נאָך אזא מעגדיל , דאַכט זיך , גאָר נישטאָ . ער איז דאָך אפילו א פּראָסטער מענש , נישט עפּיס וויא יענע זיידענע יונגע מאַנטשיקליך ; נאָר דיא כפרה מעגען זייא אלע ווערען פאַר זיין מינדסטען פינגער ... א וועדהטיג איז מיר ! וואָס ציטערט איהר עפּיס אזוי, רייזילי ? איהר קענט דאָך זיך נישט האלטען אויף דיא פים. אהער גיכער דאָס פעקיל ! קומט , דאָ אקעגען האָב איך א בעקאנט קלייטעל. (זיא נעהמט בייא רייזילין דאָס פעקיל אונ געדט מיט איהר צו צום קלייטעל).

איציק (דערזעהענדיג דוואָסיען) א, איסקאַטציל קומט, דוואָסיע !

דוואָסיע (ארויפפּידרענדיג רייזילין אויפן גאניקעל) זיטצט, רייזילי, זיטצט דאָ אויפן ביינקעל, אָט אזוי , אזוי. (צו איציקן) האָט קיין פאַר-איבעל נישט, וואָס איך סארוועד דאָ אזוי , וויא בייא מיר אין דער היים.

א י צ י ק (ווייזענדיג אויף רייזילין) נישקשה, איך האָב געגוג פֿון זייא איבערגעלייזט א מאָל אין דיא גוטע יאָהרע...

ל י פ ע (ארויפֿלויפֿענדיג געשווינד איבֿן גאניקעל) איציק, מען נעהט !

פינפטע סצענע.

פֿון דערווייטענס הערט זיך א שפילען פֿון מוזיקע. דערנאָך ווייזען זיך סאָלדא- טען. פֿאָראויס געהן פיעווטשעס, זינגען און פייפֿען פֿרעהליך. אין דיא פֿענסטער פֿוןביידע זייטען הייזער שטעהען דאמען און וואַרפֿען אויף דיא סאָלדאטען קרענצליך בלומען.

ד י א פ י ע ו ו ט ש ע ס:

סָאלְדַאטוּשְׁקִי, רֶעבְּיַאטוּשְׁקִי גְדֶיע וַאשִׁי זְשָׁאנִי?

— נַאשִׁי זְשָׁאנִי רוּזְשְׁיַא זַארַאוְשָׁאנִי,

וָואט נַאשִׁי זְשָׁאנִי. א. ז. וו. א. ז. וו.

א טהייל מענשען דערקענען צווישין דיא סאָלדאטען זייערע קינדער, זייערע מאנען. לויפֿען צו זייא פֿרעהליך צו, קישען זיך און געהען מיט זייא אוועק; א טהייל מענשען, וואָס זייער האָפֿנונג איז געוועזען אומזיסט וויינען און ברעכֿען דיא הענט.

זעקסטע סצענע.

שְׁמוּאלִיק, גִיסֶיע און א סָאלְדַאט.

ג י ס י ע (מיט א געוויין) גישטאָ הערשעלע! זיידע, וואָס שווייגסט-דוא?

ש מ ו א ל י ק (טהוט אומעטיג א פֿייף) מי בַחֶרֶב וּמִי בַחֲנִיקָה, ווער דורך בלייענע פֿייגעליך און ווער דורך א פיקע...
קום, גיסיע, קום! (ער געהט שאָקלענדיג זיך).

ג י ס י ע (געהט וויינענדיג נאָך שמואליקן) וואָהין, זיידע, קום?

ש מ ו א ל י ק (צוקומענדיג צו דיא פֿורגאָנעס קראסנאהאָ קרעסטא) אהער, גיסיע! בְּעֶגְלָא, א טאפ אין וואָגען וּבִזְמַן קָרִיב און זשיווא.

א ס אָ ל ד א ט (ארויסקריכֿענדיג פֿונם פֿורגאָן, זיין האנד הייננט אונטערגעבונדען אויף א טיכֿעל) האָ-האָ שמואליק!

ש מ ו א ל י ק (מיט דער האנד צום מויל) עַל-כֵּן בֵּרַךְ, מיט דעם

גלעזעל א מאך, פיף פוף-פאף וַיְקַדְשֵׁהוּ און געמאכט איהם פאר א קָדוֹש, אָהן א הענטיל... הייא, סליש!

גיסיע. נישטאָ הערשעלע! פרעג זיידע, וואו איז מיין הערשעלע?

דער סאָלדאט (שטארק פארוואונדערט) וואָס הייסט? ! הערשעלע איז נאָך נישט צוריקגעקומען! ... איך אליין האָב איהם געזעהן געזונד און האָב איהם איבערגעגעבען...

גיסיע (מיט גרויס פרייד) זיידע, דוא הערסט! ער האָט געזעהן הערשעלען! (צום סאָלדאט) נְשָׁמָה, הארץ, קויפט איך עוֹלָם הַבָּא און דער־פרייעט מיך ניכער מיט דער בשורה, וואו, ווען, האָט איהר געזעהן הערשעלען?

דער סאָלדאט (פארטראכט זיך) וואו, ווען?... שפעטער אביסיל, אידר וועט קומען שפעטער.

גיסיע. וואָהין, סערדצע, וואָהין קומען?

דער סאָלדאט. צו זלמן קריסטאָל.

גיסיע. גאָט איז מיט איך! פון זלמן קריסטאָל איז שוין לאנג קיין זֵכֶר נישטאָ.

דער סאָלדאט (אָנהאפענדיג זיך בייא דער קראנקער האנד מיט א קרעכץ) אוי!...

שמואליק (א פיף-געבענדיג) מי בְיַד, אוי, א פיק פון א בלייען פויגעל, ומי בַאֲדָמָה און באקט בייגעל!...

גיסיע. זלמן האָט מיט זיין הויזגעזינד זיך אוועקגעלאָזט באלד טאקי נאָך זיין זונס טויט. פונס רושטשוקער רָב איז אָנגעקומען אהער זיינע אלע פאפירען מיט זיין כלה׳ס בילד. — נוא, דערצעהלט-זשע מיר פון מיין הערשעלען אצינד.

דער סאָלדאט (שאָקלענדיג מיט דעם קאָפ פארוואונדערט) הא־הא, אָט וואָס!... (ער קוקט שארף אָן גיסיען) אצינד... ניין, לאָזט מיך אָפ, איך בעט אייך (ער לאָזט זיך געשווינד געהן).

גיסיע (שלעפט שמואליקן בייא דער האנד) קום, זיידע! לאָמיר איהם נישט אָפלאָזען (זייא געהען אויך).

זיבעטע סצענע.

שִׂמְחָה, שְׁפְּרִינְצֶע, חַאסְקִיל, מֶענְדִיל, פַּייבוּשׁ, גִיסְיֶע, שְׁמוּאֶלִיק דער סאָלדאט, רֵייזִילִי, דְוָאסְיֶע

און א רעדיל מענשען.

חאסקיל (דרעהט מיט דעם שטעקעלע אויף דער ערד און מאַכט צוקען) שווער, אומזיסט אייערע רייד! זייא געהען מיר אפילו נישט אין דער לינקער פֵּאָה.

שמחה. אווי, האָ, ענטפֿערט מען א שווער?

שפרינצע (נעהענטער) עס געהט דיר נישט מעהר אין דעם, שמחה, וואָס ער איז איין עַזות-פנים. אלסדינג איז גאָרנישט אקעגען דעם גרויסען אומגליק, וואָס אונזער רייזילי נעביך האָט אזעלכֿען פֿאר א מאַן.

מענדיל (ארויסטרעטענדיג מיט כַּעַס) א מעשה, וואָס נאָך נישט דערהערט געוואָרען! מען זאָל בייא א מענשען צונעהמען דאָס לעצטע נעביך. און נאָך וויא? בגנֵבָה!

חאסקיל. איך האָב צונעגומען על פי דין. מיר קומט קעסט. איך האָב נישט דערעסען קעסט!

מענדיל. ר׳ שמחה האָט דען און נים נישט!

חאסקיל. אָבער וואָס געהט עס אָן מיך! אין דיא תְּנָאִים האָט ער זיך מתחייב געווען קעסט. זאָל ער געבען קעסט! — ער קען נישט? נישט מיין דאגה. מיר קומט קעסט.

מענדיל. וויא שעמט זיך עס נישט א געזונטער בייבאָק אזוינס צו-ריידען! וואָס איז דאָס פֿאר א גאנג, יענעם וויא א פיאווקע צוזויגען, צו-פֿרעסען און האָבען אויף יענעמס קאָפּ קינדער! קראנק איז אזא יוד מיט הענט און פֿיס אליין צוהאָרוען און פֿאַרדינען זיין ברויט כָּשֵׁר מיט שוויס וויא מיר פראָסטע מענשליך!...

חאסקיל. איך רעד עַל-פִּי דין, על-פי יודעשקייט און ער מיר ענטפֿערט בוידעם. — עַם-הָאָרֶץ, גראָבער יונג!

מענדיל. אוחניאָק!

פֿייבוש (צוקומענדיג צום עולם, וואָס פֿארקלייבט זיך ארום) וואָס איז דאָ אזוינס?

מענדיל. אָט איז ער, דער שדכן! געדט האָט הנאה פֿון אייער ארבייט. (צום עולם) אָט האָט איהר, יודישע קינדער, אייערע שדכנים, אייערע גליקען! קוויקט זיך יודען מיט אייערע תַּכשיטליך, מיט אייערע

שיינע נפשות!... (צום עולם קומט צו א סאָלדאט, גיסיע און שמואליק).

גיסיע (צום סאָלדאט) אָט דאָ וועט איהר וויסען דעם גאנצען אֶמת. (צום עולם) אֶמת, אז זלמנס זוהן איז אין רושטשוק געשטאָרבען?

שמואליק. אֶמת... ויַצִיב און שטעלט א מַצֵבָה. ונָכוֹן און נאָך איינע.

דער סאָלדאט (אויסציהענדיג זיך גליך) וואָס, האַ, נישט דערקענט?

מענדיל (קוקט אָן דעם סאָלדאט און שפרינגט אָפּ צוריק, שטארק פארוואונדערט) וואָס זעה איך!...

שפרינצע (צוקוקענדיג זיך) איך חאלעש, דאָס איז ער!...

שמחה (אוועק-קעהרענדיג זיך דערשראָקען) אויפֿן עולָם הַתּוֹעֶה!...

דער סאָלדאט. אזוי טאקי זעה איך אויס (ווייזענדיג אויף דער קראנקער האנד) איך בין געווען מסֻכָּן שלאף א לאנגע צייט.

גיסיע (מיט א געבעט) נשמהגיו, הארצעניו, נוא זאָגט-זשע שוין, זאָגט, וואו און ווען האָט איהר הערשעלען געזעהען!

דער סאָלדאט (קוקט אויף גיסיען שאָקלענדיג מיט דעם קאָפּ) פֿאר דער גרויסער מלחמה בייא שיפקע האָב איך... נוא, עס העלפט נישט. הערט-זשע! איך בין געגאנגען אויף דער מלחמה און הערשעלע קיין רוש-טשוק האָב איך איהם איבערגעגעבען...

גיסיע. נוא, ווייטער, ווייטער! דערפרעהט מיך שוין מיט דער בשורה.

דער סאָלדאט (מיט א קרעכץ) האָב איך, געזעגענדיג זיך מיט הערשעלען, איהם איבערגעגעבען מיינע אלע פאפירען און דאָס בילד...

פייבוש. א מעשה, 'א מעשה! היינט פֿארשטעהט איהר יודען גאָטעניום דדעהעלי? טע-טע-טע, דאָס איז אין רושטשוק נאָר הער-שעלע געשטאָרבען!...

גיסיע. א דונער האָט מיך דערשלאָגען!... (פֿאלט אויף דער ערד, שלאָגענדיג זיך מיט ביידע הענט אין קאָפּ, און בלייבט ליגען ווי א שטיין).

שמואליק (ווישט מיט דעם ארבעל דיא אויגען) שאַ, שמואליק! לייד צרות, קלעפּ, שמיטץ און זאָג דעם צִדוק הדין — ראַדי סטאַראַסטיאַ וואַשע ב-ראַדיע!... (ער פֿאלט אויף דיא.קניע לעבען גיסיען. — דוואָסיע מיט רייזילין קומען צו).

שפרינצע (ברעכענדיג דיא הענט) בערוהיג דיך רייזילי, שטארק זיך טאָכטער!

ר י י ז י ל י . וואָס איז דאָ, מאמע, אזוינס געשעהען?

ד ע ר ס אָ ל ד א ט (צוליפענדיג געשווינד) מיין רייזילי!...

ר י י ז י ל י (שטארק צומישט) אַלכסנדר!... (זייא האפען זיך ארום און שטעהען א רגע שטיל).

ה א ס ק י ל (צוליפענדיג) גוי, גוי איינער מיט איין אֵשֶת-אִיש! (שלעפענדיג רייזילין) :: שיינע פלוניתטע, חלעבין!...

א ל כ ס נ ד ר (א חאפ-געבענדיג זיך פארציטערט) רייזילי מיינע — א וויבעל!... האסקילים א ווייב!...